STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00929

IKH GLOYB

David Hofstein

Permanent preservation of this book was made possible by
Anne L. Novak
in honor of
Jill Novak Doremus & Stephen Abraham Doremus

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. האָפשטיין

איך גלויב

איקוף פארלאג

דאָס בוך פון

דוד האָפשטיין,

געבוירן און אויפגעוואַקסן
אין קאָראָסטישעוו,
איז אַרויסגעגעבן מיט
דער הילף פון זיינע,
קאָראָסטישעווער, לאַנדסלייט
אין אַמעריקע.

DOVID HOFSHTEIN — ICH GLOJB, ***Published by*** **Yiddisher Kultur Farband (Ycuf), 189 Second Ave., N. Y., 1945**
Printed in U. S. A.

25

דוד האָפּשטיין

אינהאַלט:

איך גלויב

איך גלויב 9
באַגייסטערונג 11
אַ ריכט־שנור פון מיין לעבן . . 12
איך ווייס ניט וועמעס . . . 13
וויי 14
איר וועט צאָלן פאַר ליידן . . . 15
מיין מוטער 16
פרילינג 17
ווי קאָן מען צום וואָרט גאָר
זיי ברענגען 19
אונדזער שוועסטער 20
מיט וויי . . . 21
ווי זיילן פון שטיין . . . 22
מיין גורל 23
בעל כרחא בין איך אָט דאָ
אויף דער ערד . . . 28
איך זע — . . . 29
אויפן וועג צום זאַוואָד נומ. 26 31
מוט 33
מיינע זין 34
אוקראַינע 35
אויף אונדזער אוקראַינער ערד 36
אין שוך־פאַבריק 37
לענין מוזיי אין אופאַ 39
זאָל זיין; . . . 40
עס הויבט אָן שימערידן . . . 41
צו פריינט 42
גאָלד 44
מיר קומען 45
דיין הויז פאַרלאָז . . . 46
קיעוו 47
איך גיי און גלויב ניט מיינע
לייכטע טריט 48
אין מעטראָ 49
מיין אָנהויב־היים 50
אַלטע ביכער 51
פון אַמאָל 52
ברודערשאַפט 66
רעגנבויגן 67
ס'וועט זיין אַ טאָג 69
אָט די וועלט, ווי זי איז . . . 70
ווי ס'איז לאַנג געווען
דאָס וואַרטן . . . 71
נו, זע, נו, זאָג אַליין נאָר . . . 72
שיין און שיין איז אונדזער וועלט 73

ערשטע באַוואונדערונג

אַ ווייטער דאַך־פענצטער . . . 77
קאָמפּאַס 78
ס'איז נאַכט . . . 79
ערשטער שניי 80
מיין הונט 81
אין טיפן פון טיפסטן ים . . . 83
אין וועג 84

וואַלד

אַ קאַלטער פאַרצאַרנטער אָוונט 87
פרילינג 88
אין וואַלד 89
ניי־יאָר 90
איך האָב פאַרברייטערט שוין מיין
גרויסע מיט . . . 90
אוראַלט 91
כ'האָב דערזען זי ביים טייך 92
אין ענגן צימער 92
האַלב מאַי 93
עס זיינען פאַרפולט שוין די
פעלדער מיט שיין . . . 93
לעצטע טעג 94

שפּאַציר 95
האַרבסט 95
שוואַרצע, קאַלטע, אָפּגעהאַקטע שטאַמען . . . 96
צו סאָסנע־גאָלד . . . 97
פון אַלע וועלדער, וואָס איך האָב געזען . . . 97
אין פּאַרק 98
באַקאַנטע, גוט באַקאַנטע ליבע בילדער . . . 98
אין וואַלד 99
אין וואַלד 100

פעלד (1912)

דאָרט, אויף בלויע נאַכטן־שנייען . . . 107
. . . אַ דאַנק אייך, וואַנדער־וועגן ברייטע! . . . 107
יוגנט 107
די קריעה גייט — . . . 108
שטראָמען 108
קאָרנבלי 109
שניט 109
אין וועג 109
אַן עפּל 110
די נאַסע נעץ פון טריבער חשוון־צייט . . . 110
האַרבסט 111
אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישער פעלדער! 112
אַוועק דער שבת שוין . . . 113
דאָרט איבער שטעט האָט שוין געקלונגען . . . 114

בערג (1912)

אַ רוישנדיקע גאַס אויף אַ באַרג... 117
פון בערג גייט אַ שטורעם . . . 118
איך שטייג שוין דאָ צוויי טעג . . . 119
אין הימל־רוים . . . 120
אין אַרמעניע 121
און ס'איז מיין פיין פאַר מיר דערמיט באַרעכטיקט . . . 122
אַ פירעק־שאָטן ליגט פון טונקלער וואַנט . . . 123
. . . מיר גייען קיין מיסכאַר . . . 124

שניי (1919)

איך בין געוואוינט . . . 129
דער לעצטער בלעטער־פאַל! . . . 130
דאָרט ערגעץ זוימען זיך שוין ווייטן . . . 131
אויף ערשט פאַרהאַרטעוועטער ערד . . . 134
פרימאָרגן 136
פאַרלאָז די שוועל, אַרויס אין דרויסן — . . . 137
אין פאַלן 138
שיט אַ שניי . . . 142
שנייען 144
מיין הויז איז שניי 144

נייע אַנונג

רויטער מאָן 147
אָט איז דאָס דערפל האָדיכע . . . 151
פרילינג 153
ס'דאַכט זיך . . . 154
פשוט, איינפאַך, פראָסט, געוויינלעך 155
פון עראָפּלאַן 156
אָקעאַן 157
פרילינג 158
מיין קיילעכיקע היים . . . 159

איך גלויב

איך גלויב

1

יאָ, איך בין גרויס דערמיט,
וואָס איך געהער
צום פאָלק, וואָס ווערט ניט מיד
און בויט
און גלויבט.
כדי אומשטערבלעך זיין,
ניט אומבאַדינגט
איז זיין שוין טויט!
איין דור אין אָפּגרונט זינקט,
איין אויסברוך נאָך דעם צווייטן גייט,
און ווידער ווערט
צעזייט, צעשפּרייט,
צעשטויבט,
וואָס שוין איינאיינעם איז געווען —
און דאָך מיין פאָלק נאָך גלויבט,
אַז אויב
באַשערט
איז בייזיין אומעטום, —
צי הייסט עס דען
אינערגעץ ניט?!
עס קען צום אומעטום
אַן ערגעץ זיין!
און גראָד אין סאַמע מיט
פון וועלט!
עס קען
צום אומעטום
אַן ערגעץ זיין —
דער זעלבער ערגעץ, דער,
וואָס אים געדענקט
די גאַנצע וועלט, —
נאָר פון דער וועלט נאָך מער,
אין פּאַלאַץ, אין געצעלט
מיין פאָלק געדענקט
אויף יעדן קער.

דער אַנדענק גליט
אין יעדער טרער,
און איך בין גרויס דערמיט,
וואָס צו דעם פאָלק כ'געהער . . .

2

יאָ, איך בין גרויס
נאָך מער, נאָך מער
דערמיט,
וואָס איך געהער
צו די,
וואָס זיי איז אויסגעפאַלן דער באַשער
זיך האַרטעווען און שטאָלן זיך
אין קאַמף, אין שטאָלצער מי.
איך בין אַ ייד
פון נייעם שניט ;
אַזויפיל ערגעצן האָב איך געזען ביז הער
און יענעמס ערגעץ אויך,
אַט דעם,
וואָס גלאַנצט אין יעדער טרער,
נאָר כ'האָב אין זיך שוין מוט,
נאָר כ'בין באַוואָפנט מיט געווער,
וואָס גיט מיר כוח
דורך רויך,
דורך בלוט
די ווייט פון צייט דערזען
אין קלאָרער העלער שיין.
אין שיין, וואָס איצט
נאָר פונקענווייס ערשט בליט
און איך בין גרויס דערמיט,
וואָס איך געהער
צו די,
וואָס לעבן מיט דעם פלאַמיקן באַגער
פון אַלע ערגעצן,
וואָס כ'האָב געזען ביז הער
אין העלער שיין דערזען
דעם גרויסן הי,
מיין גרויסע היים —

באַגייסטערונג

אומעטום, אומעטום
אין מיין היים
אין מיין וואונדערלעך לאַנד
האָב איך דיך ניט געזוכט,
דו ביסט שטענדיק געקומען אַליין,
זיך געלייגט, ווי אַ גרוס,
אויף דעם אויסשטרעק פון פריינטלעכער האַנט.
אויף דעם גומען
געקומען —
אַ פרוכט אויף צעעפנטע ציין.
און דערפאַר
גלויב איך טיף,
איז צעגאָסן באַהאַלטענער חן
אויף אַל־דעם,
וואָס געבוירן האָט אונדזער געפּרואווטער פאַרבאַנד,
און פאַרבאָרגן
אין וואָרט מיינעם טליעט אַ פייער
און פלאַמט,
וואָס צו הערצער צו אַלע
געוויס מיט דער צייט וועט דערגיין.
מיט דער צייט!
ווייל ניט פויגל־געזאַנג
איז מיין וואָרט און מיין ליד!
מיט דער צייט!
ווייל כ׳בין ניט אין אַ זייט,
ווייל איך שטיי אין דער מיט,
און וואָס ווידערשפּרוכט היינט,
איז שוין גאַנץ
אין דעם דיכטערס געמיט!

***

אָ, ריכט־שנור פון מיין לעבן, יעדער רגע כ׳זע דיך.
מיין שווייגן איז מיר גרינג, ווייל שוויגנדיק אויך רעד איך —
מיין טון אין שפּעט פון נאַכט, מיין ניט־טון און מיין שמייכל,
מיין זײדל און מיין לויב ס׳איז אַלץ לויט דיין אַ צייכן.
ניט יעדער קאָן אים זען אין לויף פון צייט, דעם פאָדעם,
פאַר אַנדערע באַווייזט ער זיך — אַ צאַרטער אָטעם,
און ווי אַ קלינגענדיקע סטרונע פּילפּאַך שפּאַלט זיך.
און אָפט פון פראָסטן אויג אינגאַנצן גאָר באַהאַלט זיך,
נאָר שטייף מיין פאָדעם איז אויף בויגן אָנגעצויגן;
קיין רגע ער פאַרשווינדט פון מיינע שאַרפע אויגן.
פון אים געריכטעט כ׳וועל מיין וועג אויך ווייטער ציען,
מיין וואָרט, פון אים געריכטעט, וועט צום ציל דערפליען,
ווי ביז אַהער ניט איינמאָל זיינען שוין דערפלויגן
געצילטע ווערטער מיינע — פייל פון בויגן! . . .

⁂

איך ווייס ניט ווען עס נאָר כ'קויף אויס אַ גרויסע שולד:
געפּאַקט מיט טומל איז מיין קיילעכדיקער טאָג.
נאָר ווען מיין שויב מיט טונקלקייט שוין ווערט פאַרפולט
און ס'צינדט זיך אָן מיין שטאָטיש פייער אויף דעם ראָג,
פאַרשווינדט באַגלייך מיט אַלעם דעם וואָס שטערט וואָס דולט
אויך די צעשטרייטקייט פון מיין בליק און פון מיין זאָג,
און ס'קומט צו מיר מיין גוטער גאַסט — מיין גרויס געדולד,
און ס'קומט צו מיר מיין רו וואָס איך, נאָר איך פאַרמאָג.

ווײ

1

אויף קברים מ׳האָט זעלטן געגראָבן באַזונדער,
נאָר מורא און פּחד — איז שטענדיק אינאײנעם.
און אײנער געװען איז דער שרעקלעכער װאונדער
פאַר יונגע, פאַר אַלטע — געשװיגט האָט ער קײנעם.

כדי די געשענדטע מער נאָך פאַרשװעכן —
מע טײלט זײ אויף רײען, אויף שיכטן, אויף ראַנגען
אַװעמען צו שטעכן, אַװעמען צו ברעכן,
אַװעמען געשאָסן, אַװעמען געהאַנגען.

און װער ס׳איז פאַרמשפּט צום שענדלעכן לעבן ? . . .
אומװירדיקע קנעכט ! װאָס זײ קאָן געפעלן ?
זײ טראָגן אין האַרצן דעם שאַנד-פלעק דעם געלן,
װאָס אַנדערע מוזן אויף אַרבל אים קלעפּן.

2

⁂

איר וועט צאָלן פֿאַר ליידן,
איר וועט צאָלן פֿאַר יעדן
שוין פֿאַרלאָשענעם בליק.

פֿאַר צעטראָטענע שטרעבנס,
פֿאַר פֿאַראומערטע לעבנס,
פֿאַר פֿאַרטריבענעם גליק.

און פֿאַר וואונדן, פֿאַר פּלאָגן,
פֿאַר געוויינען, פֿאַר קלאָגן
און פֿאַר אַנגסטן פֿון טויט —
עס וועט קלעקן אונדז מילדקייט
אייך באַצאָלן מיט ווילדקייט,
אייך באַצאָלן מיט טויט.

מיין מוטער

פון אָט די, וועמען דו האָסט דאָס לעבן געגעבן
ווער קאָן וויסן, אַוויפל איצט לעבן,
אָבער איך איצטער לעב,
און מיין קראַפט אין מיר לעבט,
און איין וואָרט צו דעם צווייטן זיך קלעפּט
אין דער לענג, אין דער גרעב,
און דער טרוים וועגן לעבן זיך וועבט
אין דער הויך,
און דער קוואַל פון דעם לעבן
זיך שעפּט
און גיט כוח,
און איך זאָג דיר אַצינד:
איך, דיין קינד,
ווי די אַלע, ווער ס'האָט דאָ פאַרדינט
דאָס געהויבנסטע גליק,
אַז דיין ערלעכער בליק
זאָל אים אָנרירן צאַרט
מיט דיין שיין.
אָט די אַלע איצט זיינען
און וועלן דאָ זיין
נאָר אין קריג;
נאָר אין ביטערסטן קריג
מיט די שונאים, וואָס קאָנען פאַרשאַפן דיר לייד,
וואָס דערנענטערן . . .
אָ, כ'האָב מורא, וואָס האָבן דערנענטערט דיין טויט.
נִיט נאָר זיי, נאָר דאָס לאַנד,
אונדזער לאַנד,
אונדזער וועלט
צאָרנדיק שעלט;
שטעלט צו שאַנד;
בלוטיק קעמפט מיט דיין פיינט
ווי פון אייביק אויך היינט
איז די וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט
פעסט מיט דיר;
וועט ניט שוינען פאַר דיר,
וועט באַלוינען און קרוינען
פאַר דיר.

פריִלינג

צופּיל ווילד איז ער דער וואונדער,
וואָס דער טאָג מיר טראָגט אַנטקעגן —
ניט ער פרייט מער, ניט ער מונטערט,
ער באַדראָט און הויבט אָן שרעקן.

גאָר באַזונדער, גאָר באַזונדער
היינט דעם פריִלינג איך באַגעגן
ווי דעם שוידערלעכסטן וואונדער
גיי איך היינט דער זון אַנטקעגן.

ס׳גייט דער טאָג זיין קראַפט באַווייזן
אָט די זון, וואָס שטייגט אַלץ העכער
האָט געזען איינע הייזער,
האָט געזען איינע לעכער . . .

אָט די זעלבע זון די פרייע,
האָט באַלויכטן טויט, פאַרניכטונג,
האָט צו וואוינונג, האָט צו שייער
אָנגעוויזן זיי די ריכטונג.

אָט די שטראַלן, אָט די זעלבע
האָבן רואיק זיך געצויגן
צו געזיכטער, צו פאַרגעלטע,
און צו אויסגעבראָכענע אויגן.

אין איין טענהן אַלץ געהאַלטן
און געהאַלטן אין איין בענטשן,
טויטע קינדער, טויטע אַלטע
און די מערדער . . . אַלע — מענטשן ?

ס׳וועךט מיין בלוט אין מיר פאַרזאָדן!
צו די מענטשן איך געהער ניט.
ווייל איך לעב דאָך, ווייל איך אָטעם . . .
און איך טויט ניט, איך צעשטער ניט . . .

ניט קיין טויטער, ניט קיין מערדער —
איך בין יענער, וואָס פאַרטיידיקט,
אָבער מיין געווער — בלויז ווערטער . . .
און ס׳פאַרדריסט מיך היינט ביז ווייטיק . . .

איז מיין אָנמאַכט ביטער שענדלעך
און די האַנט זי פאַלט אַרונטער . . .
איז דער פרילינג אומפאַרשטענדלעך,
און די זון איז אַ ביזוואונדער!

⁂

ווי קאָן מען צום וואָרט גאָר זיי ברענגען
די ווייען, די ליידן פון מענגען!
פון קלייניקן צימער פון ענגן
איך פיל זיי אין ברייטן אין לענגן . . .

אָ, וויפל שוין זיינען פאַרשוואונדן
אויפן ערדישן קוגל דעם רונדן,
אָ, וויפל שוין ליגן געבונדן
פאַרקריפּלט פון בראָכן און וואונדן.

אין גראָבנס, אין גריבער, אין לעכער,
אויף גאָרנס, אויף בוידעמס, אויף דעכער,
אין טיפן פון ימען פון טעכער
אויף לופטיקע שיפן דאָרט העכער.

אויב דאָס איז אַן אויפטו פון געטער,
פון מעכטיקע שפער, פון רעטער;
איז וואו נעמט מען לעסטערער־שפעטער;
מע זאָל זיך דערוויסן אויך שפעטער.

ווי קאָן מען צום וואָרט גאָר זיי ברענגען
די ווייען, די ליידן פון מענגען:
אויף ערדישע ברייטן און לענגען
זאָלן אַלע ביז ביין פאַרגעדענקען;

עס זאָל זיך אין פרישן זכרון,
פון מענטשלעכע וועזנס פון קלאָרע;
וואָס וועלן נאָך ווערן געבאָרן
פאַרקאַרבן אויף אייביקע יאָרן.

אונדזער שוועסטער

דו ביסט, אָ, ווי, אָ, ווי, ביטאָ שוין צווישן אונדז.
אַ לויב און אַ געזאַנג דיר, שיינענדיקע שוועסטער;
אויף אייביק פאַרגעדענקען דיך, דאָס איז מיין גרעסטער,
דאָס איז אַצינד מיין שענסטער און מיין בעסטער וואונטש.

דיך פאַרגעדענקען און אין פעסטן וואָרט פאַרקריצן
דיין יוגנטלעך, דיין שטענדיק ציטעריק געזיכט;
די טיפע בליקן מיט די פלוצימדיקע בליצן;
וואָס מער דו זעסט זיי, מער זיי זייבען אומגעריכט.

פאַר דיין געשטאַלט שוין וואָרט אַ ברייט צעעפנט אָרט
אין גרויסע שטעט אין אונדזערע אויף פלעצער שענסטע.
נעם צו מיין גרעסטע גאָב, נו, זאָל זי זיין די קלענסטע.
איך קאָן דיך מאָלן נאָר מיט מענטשלעך שוואַכן וואָרט.

און זאָל מיין וואָרט באַדינען קינסטלער הויך באַגליקטע,
וואָס וועלן דיך געשטאַלטיקן אין מירמל־שטיין.
ס'וועט אָפּהילכן מיין וואָרט ביי צושויער אַנטציקטע
פון דיין געשטאַלט, פון דיין באַצויבערנדיקן חן.

*

מיט ווײ,
וואָס ניט לינדערט זיך שוין מיט געשרײ, מיט געווײן;
מיט ווײטיק מיט שטומען,
וואָס ליגט, ווי אַ שטײן;
בין איך, וואָלגאַ, צו דיר הײנט געקומען . . .
מײן גורל מיט דיר כ׳האָב פאַרבונדן,
מיט ברײטקײט פון סטעפּעס פון דײנע.
הײל אויס מײנע וואונדן
צו לעבן צו נײעם מיך קער!
ניט געבראָכן איז נאָך מײן געמיט,
מיט מוט מײנע בליקן נאָך שײנען
מײן אײפער מײן אַלטער נאָך גליט,
מײן האַנט האַלט נאָך פעסט דאָס געווער.
און אויף זײ,
אויף די פײנט
אויף זײ אַלע,
ווי אַמאָל, אַזוי הײנט,
מײן ווײ
ווי אַ שטײנערנער האָגל וועט פאַלן,
אין אײן שטײן כ׳פּרעס מײן ווײטיק צוזאַמען
און אויף דעם ביטערסטן שונאס
שוין צעטומלטן קאָפּ
וועט אין קלאָרער גאונות
מיטן לעצטן צעשמעטערדיקן קלאַפּ
מײן ווײ שוין אַראָפּ . . .

⁂

ווי זיילן פון שטיין זיינען פעסט
די פּאַסן פון שיין אין מיין נעסט
אין מיין היים, אין מיין שטאָט, אין מיין לאַנד.
און ווי זיילן נאָך פּילט זיי מיין האַנט
די פּאַסן פון שיין אין מיין נעסט
זיי זיינען נאָך שטענדיקע געסט
אין מיין איצטיקן הילצערנעם הויז.
יאָ, מיין לאַנד איז נאָך ברייט, איז נאָך גרויס,
ס'איז וויכטיק מיין לאַנד אומעטום,
און היים איז אַוואו נאָר איך קום.
נאָר מיך ציט אַלץ די שטאָט און דאָס לאַנד
וואו עס היט נאָך מיין גלעט יעדער וואַנט.
און דער, וואָס די שטאָט האָט פאַרשוועכט,
און דער, וואָס די שטאָט האָט צעשטערט
זאָל פאַרשאָלטן אויף אייביק שוין זיין!
עס זאָל אייביק אים פעלן שוין שיין,
זאָל וואָגלען אין אייגענער היים,
אַ קנעכט אין זיין הויז זאָל ער זיין,
ביי דעם ביישטידל שטיין ביי דער שוועל
מיט אַ צייכן פון שאַנד אויף זיין פעל.
מיט ברוינעם מיט אייגענעם גיפט,
מיט אַלטן מיט גאָטישן שריפט
אויפן שטערן זאָל ווערן פאַרקריצט
די ליידן פון בלוטיקן איצט.

מײַן גורל

1

האַר פֿון מײַן לעבן!
וואו נאָר דו ביסט,
זע, אַז מײַן לעבן
זאָל גײן ניט אומזיסט!
ניט איך איצט שעץ עס,
ניט איך עס שוין
ניט פֿאַר די לײדן
פֿאָדער איך לוין,
כ׳וויל איצטער אײנס נאָר:
אין שוידער פֿון שפּיל
זײַן זאָל אַ שאָטן
פֿון דעם,
וואָס הײסט ציל,
זײַן זאָל אַן אָנדײַט
פֿון דעם,
וואָס הײסט צוועק,
זײַן זאָל אַ רמז
אויף דעם,
וואָס הײסט וועג.

2

כ'האָב קיין מורא ניט פאַר ליידן,
כ'ווייס זיי, כ'קאָן זיי אַלערליי,
האָסט געשענקט מיר הויכע פריידן
אויך פון זיי, אויך פון זיי!
ווייסט אַזויפיל שווערע קרעפטן
האָבן ברעקלען מיך געוואָלט,
כ'האָב אויף שמעלצן און אויף העפטן
אויסגעבראַכט דאָס בעסטע גאָלד . . .
וויפל שטורמען אויסגעשטאַנען!
ס'האָט צעווייט און ס'האָט צעשטויבט —
אויף רואינען כ'בין געשטאַנען;
כ'האָב געהאָפט און כ'האָב געגלויבט;
און אין ווירבל און אין שטורעם
אויסגעהאַלטן און פאַרהיט
די פאַרמעסטונג פון מיין אָרעם
און דעם שוואונג פון מיין געמיט . . .
מיט מיין גאַנצקייט, האַר פון לעבן!
וואַרף אַריין מיך אין דעם תהום:
אויך דער תהום אַ וועג זאָל געבן
פאַר מיין איינהייט, פאַר מיין שטראָם!

3

אַלץ ; וואָס איך האָב אין געשאַנק ;
גאָר מיין געפיל און געדאַנק
זאָל עס זיין לעבנסלאַנג !

ווייסט ; אַז איך וואָרט שוין אַן שרעק
אויף דעם ענדגילטיקן וועג ;
ווען דו וועסט זאָגן : אַן עק.

האָר פון דעם לעבן ! דו
ווייסט ; אַז איך בעט ניט קיין רו ;
כ׳בעט נאָר — מיטאַמאָל נעם צו . . .

אַלץ אין איין אויגנבליק —
וויל איך דיר שענקען צוריק ;
שענקען מיט לויטערן גליק . . .

ריינקייט פון צאַרטסטער טרער ;
שיינקייט פון טיפסטן קלער ;
ס׳בעסטע וואָס מיר געהער —

4

האַר פון מיין לעבן, ווייסט;
ווי איך האָב אויף רואיִנען
זוכן געקאָנט און געפינען
ליכטיקייט און טרייסט.

פריינטשאַפט און ליבע פאַר טרייסט
אַלץ האָב איך אָפגעגעבן . . .
מעכטיקער האַר פון מיין לעבן,
ווער נאַר, ווי דו, דאָס ווייסט?

ס'האָט מיר מיין פאָלק פאַרטרויט
דרייסטע און הויכע פאַרלאַנגען,
וויל איך אָט די געשאַנקען
אויסבאַהאַלטן פון טויט.

5

װען דער טױט װעט זיך ניט קערן,
װאו די זאַך זאָל ניט געשען,
כ'האָב דאָס ליד; װאָס איך װיל הערן,
כ'זע דאָס בילד; װאָס איך װיל זען.

כ'זע די בערג און כ'זע די פלאַכן,
כ'הער פון אױסלײזונג דאָס ליד,
װאָס אױף אַלע; אַלע שפּראַכן
האָט אַ װעג זיך אױסגעגליט.

אױף די בערג און אױף די פלאַכן
כ'זע דעם בלי פון מײן געמיט,
כ'הער אין אַלע, אַלע שפּראַכן
אױך דעם אָפּקלאַנג פון מײן ליד . . .

1

בעל כרחא בין איך אַט דאָ אויף דער ערד
נאָר פרייוויליק וויל איך די ערד ניט פאַרלאָזן!
מיין איצטיקער חוב איז — דאָ לעבן זיין ווערט
און קושן די ערד, וואו מיין שווייס כ'האָב פאַרגאָסן.

ווי שוואַרץ ס'איז די ערד; נאָר איך פיל ניט קיין שרעק;
די בענקשאַפט איז שווער; נאָר איר לאָסט וויל איך ליידן.
אַ זילבערנער קוואַל שלאָגט אין האַרצן און וועקט
די האָפענונג אויף נאָענטע בעסערע צייטן.

איין אוצר פאַרמאָגן איז מיר דאָ באַשערט;
מיין האַרץ; וואָס האָט אַלץ אַזוי ליב דאָ געקריגן
אַז פריי זאָל דאָ ווערן; מיין לייבלעכע ערד
אויך אים בין איך גרייט איצט אַ וואָרף טון אין טיגל.

איך האָב ניט געבעטן — בעל כרחא איך לעב;
נאָר פרייוויליק וויל איך די ערד ניט פאַרלאָזן . . .
דיין איינציקער חוב; מענטש! פון שאַפונג דאָ שעפּ
און קוש אַט די ערד; וואו דיין שווייס האָסט פאַרגאָסן.

⁂

ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך,
ואמר לך, בדמיך חיי! ואמר לך בדמיך חיי!
יחזקאל ט"ז

איך זע —
ביסט אינגאַנצן אין בלוט.
איך זע;
אַז מיט קויט איז דיין שטערן באַקלעפּט.
איך זאָג דיר:
ניט טרויער! געדענק:
דיין מוח; ער לעבט! אָ, ער לעבט!
און דורך פּיין און דורך פּלאָג
איז; ווי שטענדיק, אין שאַפן, אין גלוט.
איך זע —
מיט ביילן דיין גוף איז פאַרוועבט,
און מיט וואונדן באַדעקט איז דיין ברוסט —
ביסט אינגאַנצן אין בלוט...
איך זאָג דיר:
ניט טרויער! געדענק:
דיין כוח ער לעבט! אָ, ער לעבט!
דיין האַרץ דאַרטן אינווייניק שלאָגט
און טרייבט ווילן און גלוסט;
און איז פיל נאָך מיט דרייסט און מיט מוט!...
און דיין האַנט, דיין געניטע פּילפאַכיקע האַנט
(זי געמאָלט האָט רעמבראַנדט)
איז צום שאַרפסטן געווער,
ווי צום צאַרטסטן געצייג, שוין געוואוינט.

כ׳ווייס דיין גורל איז שווער, אָ, ווי שווער!
נאָר דיין שליחות איז גרויס!...
ווי די צייט דיך ניט שוינט,
דו טראָג אים דיין פּיין אָן געוויין!
גיי אַרויס
און שריי אויס:
וועלט אויס,
וועלט איין!
און אין וועלטישע קאַנען
צו קאַנען זיך שטעלן און שטיין
און צו זיין
ל ו י נ ט.

אויפן וועג צום זאַוואָד נומ. 26

ווי שטאַרק צעשרויפט איז ער, דער אַלטינקער זאַוואָד;
ער איז אַזויפיל טעג און נעכט אָן מאָס באַלאָדן!
ווי בייטשן טרייבן אים די רעלסן און די דראָטן,
זיין קלאָג בייטאָג, ביינאַכט גייט קיינעם שוין ניט אָן...

מע איילט, מע יאָגט אַהין צום רוישיקן זאַוואָד,
דאָרט ווערט געמאַכט געווער אַנטקעגן יענע מערדער...
אַהין פאָר היינט אויך איך, וואָס מיין געווער איז ווערטער,
איך וויל ביי שטאָל פון שאַרפקייט אויספרעגן דעם סוד.

אויף שנאה און אויף האַס די שאַרפקייט דאַרף איך היינט,
די שאַרפקייט דאַרף איך היינט אויף מאָרדן און פאַרניכטן,
ווייל הרגענען און מאָרדן הייסט ביי מיר איצט דיכטן,
כ'וויל יעדער וואָרט זאָל ברענגען טויט דעם ווינסטן פיינט.

וואָס זעט מיין אויג? אין זונענשיין אַ פרויען־קאָפּ,
איר אויסגעצערט געזיכט באַדעקן טונקלע פליאַמעס.
אַ־אַ, זי שוואַנגערט; זי געהערט שוין צו די מאַמעס,
און, מעגלעך, היינט פון אַרבעט נעמט זי זיך אַראָפּ.

פון יענער אַרבעט, וואָס אָן אויפהער טויט פאַרמערט;
פון מי, וואָס טראָגט אין זיך אַזויפיל „ביינען",
וועט זי אַוועק אַהיים, כדי געבוירן איינעם,
כדי דערציען נאָך אַ מענטשן אויף דער ערד.

און אַ באַזונדער זין געקראָגן האָט די שײַן,
וואָס האָט באַגילדט דאָס בינטל האָר פון אָט דעם מענטשן,
און ווי אַ נימב אַ הייליקער, וואָס האַלט מיך אײַן בענטשן;
מיר לײַכט דער פּרויען־קאָפּ פון יענעם טאָג ביז הײַנט.

איך האָב פאַרשטאַנען אין אַיענעם אויגנבליק;
ווי סודותפול זי איז; די פשוטסטע דערשײַנונג;
פון צוקונפטיקן זיג האָב איך דערפילט דעם תענוג;
אין פּײַן פון הײַנט דערשפּירט דאָס מאָרגעדיקע גליק . . .

אין יאָרן אין ווײַטערע ברענגט!
ברענגט אַהין!
ניט פאַרגעסט;
פאַרגעדענקט —
און מײַן טרייסט וועט דאָס זײַן,
און מײַן טרייסט זאָל דאָס זײַן!

מוט

1

אָ, גרויס איז דער חורבן און דער טרויער,
אָ; שווער איז זי די אומגעהערטע לאַסט,
נאָר אויסגעגליט אין פייערדיקן דויער
און אויסגעשאַרפט איז זי די האַק פון האַס . . .

און זאָלן זיי נאָך פילדערן און וואָיען
און וואַלגערן אויף אונדז נאָך לייד און פּיין,
דעם גרויסן אומגעהויערן נסיון
מיט מוט און ווערדע וועלן מיר גובר זיין.

זיי פלעכטן יעדן טאָג אַלץ נייע פּלענער,
זיי שמידן נייע קייטן יעדן טאָג;
נאָר יעדער טאָג ווערט זייער הערשאַפט קלענער
און ער בענעגנטערט זייער בראָך און קלאָג.

דערפאַר ווערט אונדזער אָנשטרענג ניט פאַרמינערט,
און אונדזער אָפּפערווויליקייט ניט פאַלט,
ווייל פרייד אין אונדזער אבר אונדז דעראינערט
און פרייד פון צוקונפט אונדזערער שוין שטראַלט.

2

כ'וועל ניט געבן די האַנט דעם אַנטוישטן,
כ'וועל זי געבן מיין האַנט דעם פאַרשמאַכטן.
אָ, איך ווייס ווי ס'איז שווער אַלץ צו אויסשטיין,
נאָר איך קען וועגן ווייטער נאָך טראַכטן.

און דורך רויך ווערט דער ווייטער שוין לויטער,
ער וועט קומען דער טאָג; ער וועט קומען.
איך דערפיל אים דורך גרויל און דורך שוידער
און דורך דערנער דערזע איך שוין בלומען.

3

מיינע זין

מיין זון, מיין בכור; דאָס דריטע יאָר ער שטייט און וואַכט
אין לאַנגער, לאַנגער אַכט־חדשימדיקער נאַכט
ביים צפונדיקן ים־וועג דאָרט אין וואַנקאָרעם,
מיין זון, מיין שטים פאַרנעם!

ביסט נאָענט דאָרט צום נייעם קאָנטינענט, צו זיי,
צו ברידער אונדזערע פון סאַמע ראַנד ראַסיי;
צו ברידער אונדזערע פון גאָרער; גאָרער וועלט;
וואָס צו דעם שאַנד־סלופּ שטעלט.

דער אויסוואורף דער פאַשיסטישער, דער ווילדער פיינט,
וואָס אַלע המנס ער פאַראייניקט היינט,
וואָס אַלע הייליקייטן האָט ער שוין פאַרשוועכט;
וואָס יונג און אַלט ער שעכט . . .

איך שיק מיין שטים צו דיר דורך כוואַליעס פון עפיר:
דער שונא ביי די טויערן און ביי דער טיר;
אויף אונדז געוואָרפן איז זיין ווילדסטע קראַפט; זיין גיפט
ס'איז אונדזער בלוט איצט טריפט.

און פליסט דאָ טייכנווייס אויף בריטן, ברייטן לאַנד,
מיין זון אין וואַנקאָרעם; הויב אויף דיין פעסטע האַנט —
דיין יונגע שטים פון נאָענטקייט די ברידער שיק:
עס גייט; עס גייט דער זיג!

און פריי דאָ וועלן אַלע פעלקער ווערן אויפדאָסניי;
פון מי און רו מיר וועלן דאָ געניסן פריי
און טרייסט פאַר אַלע שווערע ליידן וועט אונדז זיין
דאָס נייע פרייע זיין.

מיין זון, מיין בכור, ס'איז איצטער טאָג ביי דיר, צי נאַכט?
דיין ברודער אין אַרמיי מיט וואָפן שטייט און וואַכט,
און איך בין גליקלעך, וואָס מיט איך איך שטיי ביינאַנד —
מיט מיינע זין באַשיץ מיין לאַנד . . .

4

אוקראַינע

פון רויך און פון בראַנד און פון אַש און פון שאַנד
איך דערזע ; דו דערהויבסט דיין צעשעדיקטע האַנט,
אַט דערהויבט זיך דיין קאָפּ, וואָס מיט בלוט איז באַקלעפּט,
איך דערזע דיין געזיכט ! אָ, ער לעבט . . . אָ, ער לעבט.
דיין נאָך קינדערישער בליק מיט שוין מוטערשן צער,
און עס לויכט שוין די פרייד, וואָס קומט אָן נאָך געפאַר,
דער פאַרשטאַנד, וואָס קומט אָן נאָך פאַרטומלונג און גרייז,
ווי וואַסער פון פרילינג פון אונטער דעם אייז.
איך דערזע : אָט דערהויבט זיך דיין גוף, דיין געשטאַלט,
וואָס די רעשטלעך פון קליידער אויף אים קוים זיך האַלט,
און עס פאַלן די שמוציקע שמאַטעס פון לייב —
ס'איז צו זען שוין, ס'איז אַ קינד אַ דערוואַקסנס, אַ ווייב,
ס'איז אַ ליכטיקער קערפּער מיט שיינקייט, וואָס שיינט
אי דורך שאַנד, אי דורך שפּאָט, אי דורך גוואַלדטאָט פון פיינט.
ס'איז אַ יונגע, אַ זויבערע, זיכערע קראַפט,
וואָס זיך ווערט, וואָס זיך לייטערט אָן אויפהער און לאַכט,
וואָס וועט גיך זיי פאַרהיילן די ווייען, די שאַנד —
ס'איז אוקראַינע מיין היים,
אוקראַינע מיין לאַנד.

5

אויף אונדזער אוקראַינער ערד

אַזוי, אַזוי איז אונדז באַשערט
אויף אונדזער אוקראַינער ערד —
מיט צאַרטע פעדעם העפטן, פלעכטן
דעם היינט דעם בלוטיקן, דעם נעכטן.

דורך יענע אַנהויבנדיקע טעג
דורך וואָלקנס שוידער, כמאַרעס שרעק
אונדז שיינט אי פייערלעך, אי האַרציק
דער נאָמען שטשאָרס, דער נאָמען שוואַרצמאַן.

דער זון דער שטאָלצער פון מיין פאָלק,
דער רייטער פון באַגונער פאָלק
מיט העלדנמוט פאַר אַלע, אַלע . . .
איז אין וואָליך, ווי שטשאָרס געפאַלן.

אוןביידע נעמען פון דער וויט
זיך בינדן אין געמיינזאַמקייט,
און ווערן אין איין רוף אין שטאָלצן
מיט נייער העלדישקייט געשמאָלצן . . .

דורך בלוט, דורך שוידער גייען טעג
און ברעכן דורך אַ נייעם וועג —
אויף קברים פרישע, אויף רואינען
מירן אויפדאָסניי דאָס לעבן שפינען.

אַזוי, אַזוי איז אונדז באַשערט
אויף אונדזער ליבהאַרציקער ערד —
דעם האַס פון דורות און זיין שאָטן
מיט הייסער ליבע אויסצוראָטן.

אין שוך-פאַבריק

אין אופאַ איז טיף דער שניי
טאָג ווי נאַכט גייט דאָס געניי —
אַלץ פאַר זיי, אַלץ פאַר זיי.

זאָל זיין גוט און פעסט געטאָן
יעדער טוט דאָ וואָס ער קאָן:
ס'איז געשטעלט דאָך אַלץ אין קאָן!

אַלץ אין קאָן איז איצט געשטעלט
ס'רויבט דער שונא אונדזער וועלט,
ס'טרעט דער שונא אונדזער פעלד.

אַ וואַרשטאַט ביי אַ וואַרשטאַט —
זאָל זיין ענג און ניט גאָר זאַט,
ס'גייט די אַרבעט אַקוראַט.

ס'אַרבעטן דאָ נעבן מיר
אַן אוקראַינער, אַ באַשקיר
און אַ חבר פון סיביר.

ווייט איז דאָרטן לענינגראַד,
דאָרט שלאָגט זיך איצט מיין יאַט,
כ'האָב פון אים אַ בריוו געהאַט.

וויפל לייד און וויפל נויט —
יעדער רגע שוועבט דער טויט
נאָר די פאָן איז שטאָלץ און רויט.

אַלע פעלקער האָבּט ביי האַנט
פעסט באַשיצן אונדזער לאַנד
טרייבן זי די ברוינע שאַנד.

ס׳וועלן קומען שיינע טעג
ווייט פון דער מלחמה־שרעק
מירן ציען אונדזער וועג.

ווייט פון שרעק און ווייט פון לייד —
אונדזער בויאונג, אונדזער פרייד
אין דער טיף און אין דער ברייט.

לענין מוזיי אין אופאַ

אויף קרופסקי־גאַס איך וואוין אַצינד,
אויף לענין־גאַס האָב איך געוואוינט.
דאָרט ווילדעווען איצט היטלערס הינט,
דאָרט ווערט איצט גאָרניט ניט געשוינט.

אין ענגשאַפט דאָ געפין איך זיך,
מיין הויז איז איצט פון טונקלען האָלץ,
נאָר ס׳האָט מיין גאַס איין העלן שטריך,
און אָט דער שטריך אָפּט מאַכט מיך שטאָלץ.

און מאַכט מיר לייכטער מיין טאָג,
און מאַכט מיין וועלטל ווידער גרויס
ווייל קעגנאיבער אויף מיין ראָג
געפינט זיך אַ באַשיידן הויז.

אין אָט דעם הויז איז אַ מוזיי,
ס׳איז לענינס נאָמען אויף דער שילד
און יאָרן העלדישע אין ריי
דאָ זיינען פאַרגעשטעלט אין בילד.

אין טונקלע פיינלעך־שווערע טעג
האָט מיך דער אויסזען פון דעם הויז
באַפרייט פון אָנמאַכט און פון שרעק
און אומגעקערט אין האַרץ מיין ברויז.

מיך אומגעקערט צו טעג פון קריג
פאַר בייעם לעבן אויף דער וועלט
און ווידער מיך אַוועקגעשטעלט
אין ריי פון קעמפער ביז דעם זיג.

זאָל זיין ;
אַז מענטשן־האַס פאַרשווענקט אַצינד דעם רוים
פון לענדער הונדערטער, פון קאָנטינענטן ;
און ווילדער משוגעת מיט ברוינעם שוים
זיך טראָגט אַצינד אָן אָפּהאַלט און אָן צוים
פון שטעט פאַרפעסטעטע בערלין און רוים
אויף שטחן פון שלום פון געשענדטן ; —

זאָל זיין !
נאָר ס'גייט ; עס קומט אין שווינדיקן געלאָף
פאַר פרעכע מענטשן־פרעסער און פאַר מערדער
די שעה פון אָפּצאָל און פון שטראָף,
די שעה, וואָס וועט אַוועקלייגן אַ סוף
דעם סם, וואָס יוירט, און דעם געשווירן־שטאָף ;
וואָס צערט אַצינד דער מענטשהייטס קערפּער.

זאָל זיין !
זאָל זיין, אַז ביי די וואָרצלען פון דעם בוים
פון ברודערשאַפט ; וואָס וועט באַשטענדיק שטייגן ;
וועט אונדזער אָנשטרענג זיך באַמערקן קוים,
ווי אַט דאָס שאָלעכץ פון דעם קליינעם זוים ;
וואָס איז געוועזן דער אָנהייב פון דעם בוים ;
פון גאַנצן שטאַם ; פון אַלע זיינע צווייגן ; —

זאָל זיין !
נאָר אַט דער גלי פון האַרצן — אונדזער ליד
וועט אומבאַדינגט אַיענע צייט דערגרייכן ;
ווען ס'וועט שוין יעדער מענטשלעכער געמיט
פאַרמאָגן פריינטשאַפט, וואָס אָן אויפהער בליט ;
וואָס מענטש צו מענטש מיט פעסטע טריט ציט ;
וואָס אונדזער ליד איז איר דער אָנהייב־צייכן.

אַלע פאַר דער צייט
פאַרשניטענע

עס הויבט אָן שימערירן,
דאָס לופטיקל איז אָפן,
מיין פענצטערל אויף צפון
האָט אויפגעהערט צו פרירן,
נאָר ליכטיק וויל ניט ווערן,
עס הערט ניט אויף צו טרערן.

די ווייטן ווערן ווייטער,
דער נאָענט ווערט ניט קלאָרער,
נאָר איינס איז קלאָר און דייטלעך —
אַזויפיל שוין פאַרלאָרן . . .

צו פרײַנט

הײ ; װער קלינגט עס דאָרט מיט שפּיזן ;
הײ ; װער זאַלבט זיך דאָרט מיט שװערדן ;
מיט געװער פון מיטלאַלטער ?
הײ ; איר טעמפּע, פאַלשע ריטערס ;
שװערדן, שפּיזן קאָנען טויגן
נאָר אויף הײמישע פאַרברעכנס,
נאָר אויף קלײן־געברויך אויף פרעכן.
ס'איז געװער, װאָס קאָן נאָר טויגן
נאָר אויף שנײַדן, נאָר אויף שטעכן.
אויף אַ װײַלע, אויף אַ רגע
זיך פון אײגענע פאַרהיטן ;
און . . . אויף פּיניקן די ייִדן.
מער אויף גאָרניט ; װיסטע הערן !
הײבט די אויגן ; װיסטע צװערגן ;
גיט אַ קוק אַװאו מיר האַלטן,
װײַט און װײַט אַװעק פון שיטערס,
װײַט פון הענקער און פון װערגער ;
קלײנע צװערגן ; הײבט די אויגן ;
פויגלען שטאָלענע אין הימל ;
נײַע צײַטן, נײַע פויגלען !
װאָס האָט איר געבראַכט דאָ אײגנס ?
װאָס האָט איר געבראַכט פאַר בײסן ?
אַלץ געשלעפּט פון יאָרן גרײזע
אויף דעם מאַלפּיש־קרומען שטײגער.
אויסגעגראָבן פון די מיסטן
נײַע דאָגמעס און קאַנאָנען,
אַלטע שלײַערן פון מיסטיק
דינען אײַך אויף „נײַע" פאָנען.

אויך דעם פלי־געציייג פאַרוועגדט איר
נאָר ווי מערדער, נאָר ווי הענקער!
יעדער הייליקייט; ווי שענדער
קערט איר אָן זיך, נאָר ווי הענקער;
נאָר ווי הענקער, נאָר ווי מערדער!
אייער נאָמען וועט די ווערטער
אי פאַרשטעלן, אי פאַרבייטן
אויף די וויטסטע ווייטע צייטן . . .
קנעכטשאַפט טראָגט איר פאַר די מענגען;
הינערפּלעט און גיפטן־שלאָף,
און וועט ברענגען און וועט ברענגען
זיך אַליין אַ וויסטן סוף.

גאָלד

אַלץ איז מיינס—האָט גאָלד דערקלערט,
אַלץ איז מיינס—דערקלערט די שווערד.
כ׳וועל אַלץ קויפן—גאָלד דערקלערט,
כ׳וועל אַלץ רויבן—זאָגט די שווערד.

דו, שווערד, ידו שווערד,
דו ביסט באַערט,
האָסט ביז אַהער
נאָר לויב געהערט.
אָ גאָלד, אָ, גאָלד,
דו, צויבערער,
האָסט ביז אַהער
נאָר רויב פאַרמערט.
דיר גאָלד, אַ ליד,
ס׳איז אונדזער גאָלד
פיל לידער ווערט.
ס׳איז גאָלד, וואָס שמידט
די שאַרפסטע שווערד,
וואָס פרידן נערט,
וואָס פרידן מערט,
וואָס צוימט דעם קריג,
וואָס גרייט דעם זיג —
דעם מענטשנס גליק.

אונדזער גאָלד
איז ניט קיין רויבער,
אונדזער גאָלד
איז זויבער,
ריין,
ריין פון אַלטן בלוט . . .
אונדזער גאָלד
איז רעכט
אַליין,
רעכט אויף ניט געהערטער מוט.

מיר קומען

מיר קומען היינט אַלע דערקלערן מיט ערע:
דער שונא האָט מערדעריש ווייט אונדז געטריבן,
מיר זיינען געפּרואווט דורך נסיונות דורך שווערע
נאָר וויסט, אַז מיר לעבן, מיר זיינען געבליבן,
מיר זיינען געקומען מיט זוימען פון לעבן.

מיר וועלן ערשט קומען פון אַלע פיר עקן
די וואָרצלען פון שונא פון באָדן פאַרטרייבן,
זיין שענדלעכן אָנדייט, זיין זכר פאַרמעקן,
קיין שריד ופליט פון אים זאָל ניט בלייבן,
ניט שוינען זיין קינד, ניט זיין רינד און זיין ווייב ניט.

מיר זיינען געקומען מיט זוימען פון לעבן.
נקמה צו נעמען מיר שווערן;
מיר קענען, מיר וועלן אי הענגען, אי קעפּן.
מיט אייזערנע בעזעמער ראַמען און קערן
אָן יידישן מיטלייד, אָן טראַכטן, אָן קלערן!

***

דיין הויז פאַרלאָז, דיין היים פאַרבייט
אויפֿן וואַנדער־שטעקן דעם געפּרואווטן,
הויב אויף דיין שטעקן אינדערלופטן —
צו מערב־זייט, צו מערב־זייט!

פון אַלע שטרעקעס נאָר אַהין,
ווי גוטע שלוחים, ווי געשיקטע,
צום גרויסן טאָג, צום יום־הדין
פון פיינט פאַרשאָלטענע, באַזיגטע.

אָ, ניט פאַרגעסט, אָ, ניט פאַרגעסט
דער מוטער רחלס קול פון רמה,
און פעסטער, פעסטער נאָך פאַרפרעסט
דעם פויסט פון הייליקער נקמה!

אָט דאָרט, אָט דאָרט ביים פיינט אין לאַנד
הויבט אויף די קרוין פון אונדזער ערע!
פאַר אונדזער בלוט, פאַר אונדזער שאַנד
אויפֿן וואָגשאָל לייגט געוויכטן שווערע.

קיעוו

בין טרערן ליב, בין ווייטיק טייער,
איך זע דיך, היים, איך זע דיך, שטאָט,
דיין האַנט דורך שאַנד, דורך רויך, דורך פייער
דערלאַנגט די העלדישע באַפרייער
דיין העלן אָנזאָג, דיין געבאָט:

פאַרמערט די שמעטערנדיקע קלעפּ,
דעם שונאס בלוט פון ברייטן דניעפּ
צום ים צום שוואַרצן זאָל איצט שטראָמען,
זאָל אייער האַרציקער געוועב
זיך אָנזעטיקן מיט נקמה.

איר זיינט די אויספילער, די ריכטער,
פון אייך איצט מאָן איך פאַר דער שאַנד,
פאַר שוידערלעכע יאָרן צוויי,
פאַר אַלץ באַצאָלט זיי, די פאַרניכטער,
דעם גאַנצן דור, דעם גאַנצן לאַנד,
וואָס האָט אין שאַנד געבאָרן זיי.

בין טרערן ליב, בין ווייטיק טייער,
איך זע דיך, היים, איך זע דיך, שטאָט,
זאָל פון דיין בלוט זאָל פון דיין פייער
פאַר וועלט שוין ווערן אַ געבאָט
פון פעלקער־פרידן און גענאָד.

⁂

איך גיי און גלויב ניט מיינע לייכטע טריט,
איך קוק און גלויב ניט מיינע ברייטע אויגן.
וואוהין זיינען די וואָלקנס פיין אַוועקגעפלויגן,
ווער האָט עס דורכזיכטיק געמאַכט מיין שווער געמיט?

אין נייער שיין האָב איך דערזען די קרעמלער ווענט,
די ברעגן פון דעם טייך און איבער זיי דעם הימל.
אַזוי זיך העפטן האָבן קיינמאָל ניט געקענט
דער הימל און די ערד אין איין פאַרפעסטיקט רעמל.

אין מעטראָ

מיר זיינען אין מעטראָ. מיר פאָרן אָפּ פון צענטער.
דער שענסטער אין דער וועלט איז מאָסקווער אונטערגרונט!
זי גייט פאַראויס, די וועלט. פאַרשווינדט, פאַרשווינדט, געשפּענסטער!
די מענטשהייט וועט גאָר גיך שוין קומען צום געזונט.

... ווי מענטשלעך זיינען אָט די קנייטשן אויף דעם פּנים!
די פרוי אַנטקעגן מיר פילט אויך מיין מיטגעפיל . . .
אָ, מיטגעפיל! ווי אָרעם איז דאָס לעבן אָן אים!
דערלאַנגט אַ רופאָר מיר — איך רעד דאָך אַזוי שטיל . . .

צי פילט איר, מענטשן, אַז פון שפּראַך דער גאַנצער כוח
איצט ליגט אין איין אויסדרוק „מענטשלעך", וואָס איך ברענג אַרויס?
צי פילט איר, מענטשן, ווי עס גליט אַצינד מיין מוח,
ווי ס'ציט צו אייך פון אַנגעווייטיקט האַרץ מיין ברויז?!

ווי נעמט מען אים, דעם שטראָם, די דראָטן און די רערן,
ווי זאַמלט מען די גאַנצע קראַפט פון רויש און שאַל,
אַז יעדער מענטשלעך האַרץ זאָל מיין געפיל דערהערן;
מיין שטים זאָל, ווי אַ זוים אין באָדן, טאָן אַ פאַל!

ווי מענטשלעך זיינען אָט די קנייטשן אויף דעם פּנים;
ווי מענטשלעך בין איך אין דעם אויגנבליק אָט דאָ!
ווי פעסט בין איך אַצינד אַנטקעגן אַלע שונאים
דאָ אונטער מאָסקווע־טייך אין שווינדיקן מעטראָ.

16 דעצעמבער 1943.

מיין אָנהייב-היים

דאָס צווייטע מאָל באַפרייט מיין שטאָט, מיין אָנהייב־היים,
אַמאָל אַ שטעטעלע אַ קליינס ביים טעטער־טייך
אין רויש פון הויפּטשטאָט בענק איך איצט געהיים
אַהין, אין וויטן אָרעם־רייכן קעניגרייך.

דאָרט צווישן פעלדזן, זע איך, הענגט אַ ברייטער בריק,
דאָס זעמדל שפּרייט זיך אין דער וויטן קלאָר און ריין,
דאָרט האָבן זיך געקייקלט טעג פון יונגן גליק,
דאָרט האָט גערוט מיין עלטער־עלטערנס געביין.

איך האָב געלייענט : אויפגעריסן יענער בריק . . .
מיין האַרץ אין ענגער ברוסט פון ווי האָט אויפגעברויזט.
פאַר ווי, פאַר בענקשאַפט מיינער אין דעם אויגנבליק, —
פאַר אַלץ באַצאָלן וועט איר, מערדער, קליין און גרויס !

יאַנואַר 1944, מאָסקווע.

אַלטע ביכער

כ׳האָב ליב די צוקונפט, ווען דער עבר ליגט דאָ נעבן —
אין מאָסקווע האָב איך אַלטע ביכער זיך געקריגן,
און ווידער אַלטע בילדער שוועבן פאַר די בליקן;
און ווידער פיל איך אים דעם טעם פון פולן לעבן.

ווי קורץ איז ער דער פאַס פון לעבן און ווי שמאָל;
אויב ער איז נאָר באַגרענעצט מיט דיין קליינעם איך!
דאָס לעבן יאָגט אַזוי — פון גיכער איז עס גיך,
ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז געווען; וואָס ס׳וועט נאָך זיין „אַמאָל״.

ווייל אויך די געגנוואַרט, אַיעדער אויגנבליק —
נאָך איידער דו באַווייזט באַמערקן; עבר ווערט.
און גוט די צוקונפט בויט זיך אויף דער ערד,
ווען אַלץ געבונדן איז מיט צאַרטע שטריק.

ניט איך, ניט דו מיט קליינעם הויזגעזינד;
עס גלוסט זיך שפּאַנען פאַר דער וועלט נאָך ווי אַ פאָלק
מיט זין געטרייסטע מערן איר דערפאָלג
און ווערן פאַר דער מענטשהייט אַ געראָטן קינד.

אַ קינד פון עלטערן, וואָס האָבן טריי געדינט
מיט זייער אָנגעשטרענגטער מי דעם גאַנצן זיג;
אַ קינד פון פאָלק, וואָס האָט געלייטערט זיך אין פּיין,
וואָס גליק אין פרעמדן אומגליק קיינמאָל ניט געפינט.

פון אַמאָל

(אין ליכטיקן וואַנדער)

1. אַ רעגן.

פון אינדערפרי היינט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן.

ס׳איז טיף אין פרילינג,
ס׳איז ענדע מאַי,
איך בין אין שטאָט,
נאָר אַלע מיינע חושים שפּירן,
וואָס טוט זיך דאָרט —
אין דאָרף.
אין גרויסער וועלט
פון פעלד.

פון אינדערפרי היינט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן —
ס׳איז זיסע זאַפט,
ס׳איז קראַפט
פאַר וויטערדיקן וואוקס
און אויך
איז אַזאַ רעגן פעך
און סם
פאַר פרעכן ווירבלענדיקן ים
פון פליגעלעך און פליגן,
וואָס שעדיקן
די פעלדער און די סעדער . . .
ס׳איז אַזאַ רעגן
אַ גרויסער כוח,
וואָס קאָן באַוועגן
שווערע רעדער!

אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן . . .

איך בין אין שטאָט,
איך הייב זיך אויף מיטן ערשטן פייף
פון אונדזערע פאַבריקן
איך זאַפּ איין זיך דעם רויש
פון טלאָען און פון רעדער אויפן ברוק,
דעם רויש פון טויזנטער געצייגן און מאַשינעס.
נאָר איך געדענק,
אַז ס׳איז
די שטאָט אַ ריז,
אַ פעלדז
אין ים פון פעלד,
און אַלץ איז איצט
פאַרטיפט אין   ג ר י נ ע ן ,
וואו וואוקס זיך ריכטעט
אין מילדער שטילקייט
אין שויס פון ערד,
אין באַדנדיקע
אַנרוישיקע מאַשינעס.

כ׳געדענק עס שטענדיק . . .
און ערגעץ טיף אין מיר
ווערט רייף די שטילקייט,
וואָס שווימט אַרויף פאַר שטורעם.
און ווי פון לאַנג,
פון שטענדיק
איז מיין צעשטרייטער בליק ;
וואָס וואַרפט זיך אָן אויף אַלץ ;
אַצינד אַהין, אַהין, אין טיף פון האַרץ
געוועבדט,
און כ׳הער ניט אויף ביי זיך צו פרעגן :
ווען ?
ווען קומט זי אָן די רגע ?
די רגע, וואָס ברענגט דאָרט אין באַוועגונג
די שווערע סודותדיקע קייט
פון טיפן דויערנדיקן שאַפן,
די לאַנג געגאַרטע ציטערדיקע רגע . . .

פון אינדערפרי היינט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן.

ווי גרין, ווי ברייט
די שטאָט זעט אויס פון מיין באַלקאָן,
איז ווינציק מיר —
און ענג איז מיר אין צימער.
מיך ציט אין רעגנדיקער נעץ,
אין פייכטע פאַרהאַנגען.
אויף שטאָטישע פראָנטאָנען,
וואָס לאָזן גרינג מיך דורך;
וואָס לאָזן מיך פאַרביי,
און הערן אַלץ ניט אויף צו הענגען . . .

אָט פאָרט אָן אַ טראַמוויי . . .
פאַרקערעוועט ביים ראָג . . .
עס העלמעוועט דער רעלס פון אונטן;
פון אויבן טרייבט דאָס רעדעלע ביים דראָט
און פון דער שפּיל,
וואָס „אָפּ" און „צו"
דאָרט פירן אין עלעקטרע־שטראָם;
גיט פּלוצים זיך אַ שאָט
אַ הויפן פונקען:
רויט און בלוי און געל און פיאָלעט.
און איינער אַזאַ פונק
דורך שפּיגל פון מיין אויג
פאַרקלייבט זיך ערגעץ טיף,
און ס'ווערט דאָרט פּלוצים קלאָר,
און ס'גיט אַ טרייב,
און ס'גיט אַ טאָרע,
און ס'גיט אַ גיי אין מיר
מיין צאַרטסטער, מיין קרעפּטיקסטער מאָטאָר . . .

אין פולער ליכטיקייט, אין העלקייט
ער נעמט, ער נעמט מיין מעכטיקער מאָטאָר
אַ שנעלקייט נאָך אַ שנעלקייט,
און איך דערזע די שטאָט
פון העכסטן דאַך

ביזן נידעריקסטן ציגל דאָרט אין קעלער,
און ס׳דרינגט מיך דורך
דער גאַנצער גרויסער זיג
פון שטאָט,
פון איר געשפּאַנטער און געפּלאָנטער אַרבעט,
וואָס האָט אין זיך
אַ האַרץ פאַר יענער ברייטער וועלט,
פאַר יענער העלער הייך,
פאַר וועלט פון פעלד,
וואָס גרינט.
דער גאַנצער גרויסער זיג
פון שטאָט,
וואָס דרינגט מיט איר געצייג און איר געדראַנג
אין יענער דרימלענדיקער שטילקייט,
וואָס איז צעגאָסן רייך
אויף לאַנגער פלאַך פון טייך,
אויף גראָז און אויף געשטרויך,
כ׳באַגרייף דעם גאַנצן גרויסן זיג
פון שטאָט,
וואָס דרינגט מיט איר געצייג און איר געדראַנג
אין נאָגנדיקער שטילקייט,
אין שלעפערדיקן דאָרפישן געזאַנג,
און טרייסלט און צעטרייסלט
דאָס אַלטע שטרויענע פאַרמעגן . . .
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן . . .

2

איך פאָר איבער פעלדער,
פעלדער פאַרזייטע אין שטחן ברייטע,
ס׳קאָן דאָ קיין גרענעץ ניט זען דעם צווייטן,
ביים האָריזאָנט דאָרטן אונטער דער פאַכווע —
ווייטער אַ שטח און ווייטער אַ רחבות
ווער האָט געשפּרייט דאָ און ווער האָט געשווירן
און ווער האָט געגלייכט אָט די קאָרענע רחבות ?
ענטפערן פעלדער אין מעכטיקן גרינען :
דאָס האָט אין קראַמפּן געבוירן —
י ד ־ א ח ת !

— — — — — — — — — — — — — —

3. כ׳געדענק.

כ׳געדענק זיי
די פריצישע פעלדער און וועלדער,
(אַך, גוט, וואָס שוין נעכטיקע)
די הויפן די פּרעכטיקע! —
די צילן די ברייטע
פאַרן מעכטיקן פויערשן צאָרן...
כ׳געדענק זיי
ביי פויערשע אָרעמע כאַטקעלעך
די שמאָלע די קליינינקע לאַטקעלעך,
די פּאַסעקלעך מאָגערן קאָרן...

4

איך פאָר איבער פעלדער;
אוי ווער
און ווי
האָט פאַרזייט
אַזוינע ברייטע פליינען?

ניט ער,
און ניט זי,
נאָר זיי —
און איינער ווי אַלע
און אַלע ווי איינער!

און ווער האָט געגלייכט
און ווער האָט געשוירן
די גאָלדענע רחבות?

אַ מאַכט,
וואָס אויפסניי איז געבוירן —
י ד ־ א ח ת!

און ווי וועט מען שניידן
די בייטן די רייפע,
ווי וועט מען בינדן די גאַרבן?

מיט נייע מיט רייכע געצייגן,
אַלע ווי איינער
און איינער ווי אַלע,
מיט פלייסיקייט האַרבער,
מיט פרייד און מיט נחת!

5

נאָך אַזויפיל לייד
און חושך,
נאָך אַזויפיל איינזאַמקייט —
פאַסטן פאַר מיין לאַנד
דעם גרויסן
ליכטיקע געמיינזאַמקייט.

נאָך אַזויפיל ענגע ליידן
פיינטשאַפט און דערנידערונג,
פאַסטן פאַר מיין לאַנד דעם ברייטן
פריינטשאַפט און פאַרברידערונג!

נאָך אַזויפיל שאַרפע האַסן,
נאָך אַזויפיל גרויזאַמקייט —
אַך, ווי פאַר מיין לאַנד דעם גרויסן פאַסטן
העלע, ווייטע, גרינע פאַסן —
ליכטיקע געמיינזאַמקייט!

6. א באַגעגעניש.

און נאָך אַ רייזע, און אַ ווייטע דווקא,
ניט וואַסילקאָוו, נאָר ניי־פּאָלטאַווקע,
און האַרבט — און האַרבסט...

אָ, אָ, דער האַרבסט! ער איז דערזעלבער!
בלעטער העלע, געלבע, געלע,
בלעטער רויטע צונטער־רויטע...

אַ שיינער טאָג.
דער צוג — ער יאָגט.
און טיף אין האַרצן גיט די בענקשאַפט זיך אַ הוידע
און אונדזער אַלעמענס,
און אונדזער שענסטן, אונדזער פלאַמיקסטן פאַרלאַנג
דערפיל איך:
ווי ענדערט מען די וועלט!
פאַרוואָס, פאַרוואָס אַזוי פּאַמעלעך?
ווי לאַנג נאָך, אָ, ווי לאַנג!

ווי מאַכט מען ענלעך אָט דאָס גרויסע רויע פעלד,
ווי מאַכט מען ענלעך אָט די רויע שווערע וועלט
צו דעם, וואָס איז אונדז אין דער שיינער וועלט באַקאַנט,
צו אונדזער גרויסער שיינקייט, וואָס שוועבט שוין פאַר די אויגן
און ס'דאַכט זיך, נעם דערלאַנג זי מיט דער האַנט!

דיזעלבע פעלדער,
דיזעלבע פראַגן און דיזעלבע ווייטיקן,
די הייזעלעך דיזעלביקע
און קוען לײדיקע און קוען קעלביקע
און קינדער באָרוועסע און קינדער נאַקעטע...

ווי ענדערט מען די וועלט?
פאַרוואָס, פאַרוואָס אַזוי פּאַמעלעך!
ס'איז דורך אַ יאָר,
איך פאָר קולטמאַרשעווען, איך פאָר...
און פעלדער שוועבן גיך און גיך שוועבט אויך דאָס לעבן.

און אומגעבעטן, אומבאַמערקט
באַזעצט זיך לעבן מיר
ער, אָט דער, וואָס איז פון אַלטן לעבן
ערגעץ דאָ און דאָרט און אומעטום פאַרבליבן,
אָט דער מיט קרומען שמייכל אויף די ליפן,
און איינער זיין אַ קוק פאַרלעשט שוין מיין געפיל.
ער זעצט זיך נעענטער און שעפּטשעט שטיל:
נו, זאָג מיר נאַר, אַשטייגער,
דו ביסט ניט מער דאָך ווי אַ דיכטער,

וואָס שטעלסטו פראַגן דאָ ווי אַ קטגור ?
ווער האָט געמאַכט דיך פאַר אַ ריכטער ?
נו זאָג,
ווער האָט געמאַכט דיך פאַר אַ ריכטער ?

ער שווייגט אַ רגע
און זאָגט :
נו, גוט, איך וועל דיך מער ניט פרעגן.
ער שווייגט אַ רגע און ווענדט זיך שוין מיט ווייכן :
נו, קוק זיך דאָ אַרום און הער מיך אויס :
ווייזט אויס,
אַז ביז דאָ זיינען נאָך פאַראַנען זיידעס,
וועלן רעדנער האַלטן רעדעס
און ביז די וועלט איז קינדער־ווידער,
וועט זי די וועלט ניט שפאַנען גיכער,
וועלן טייכן גיסן וואַסער,
וועלן שרייבער שרייבן ביכער
און דיכטער זינגען לידער.

איז זיי ניט אומגעדולדיק, ברודער,
איז זיי ניט אומגעדולדיק, פריינט —
דער נעכטן האָט פאַרזאָרגט דעם היינט
ער זאָל פאַרזאָרגן שוין דעם מאָרגן.
און דו זיי רואיק און געלאַסן
און שמייכל שטיל ווי איך,
אויב ס'איז דיר שווער צו שפּאַסן,
ווי איך — אַזוי זיך שטיל : כי־כי־כי,
ווייל כאַ־כאַ־כאַ איז דאָ געפערלעך —
טו אַלץ ווי טויזנטער דאָ הי,
דו גיב אַ קוק, ווי לייטיש זיינען זיי,
(ניט וויכטיק איז, אויב ניט אינגאַנצן ערלעך).

ער בלייבט אַ רגע שטיל,
דערנאָך פאַרבויגט ער קרום דעם קאָפּ
און קוקט מיר חניפהדיק אין פּנים.
איך זע זיין צורה איצט ביי פולער שיין פון פענצטער,

איך זע דאָס קלענסטע קבייטשל אויף זיין צורה,
און אַל־דער עקל פון דער וועלט
טרעט צו צום האַלדז צו מיינעם
און שטעלט זיך דאָרט — אַ וואַרגנדיקער קנויל.
אַ גרויל פּאַרפּלייצט מיין רוקן
איך ציטער אויף,
און מיינע אַנגלען הייבן אָן צו צוקן,
פון זיך אַליין ברומט אויף מיין שטים,
און אין פּאַרגעסנהייט,
ניט קוקנדיק אויף קיינעם
ווענד איך זיך צו אים:
פּאַרשווינד!
אַוועק פון מיינע אויגן;
דו הונט, דו איינער,
דו אַזוינער, דו אַזעלכער, דו אַזעטיקער,
איך זע אין דיר דעם פוילן קערן פון אַ שעדיקער,
ווער ביסטו,
אַנהאַריקער, אַנהערנדיקער, באַפּלידערטער מעפּיסטאָ!
אויך מיר דאָ אַ שטאָלץ!
אויך מיר דאָ אַ מעפּיסטאָפעל;
אויף וואָס ביסטו פּיאיק?
דו קאָנסט זיך שטעלן אויסערדייאיק
און קאָנסט אַריינכאַפּן אַ קלאַפּטער האָלץ,
און קאָנסט אַריינכאַפּן אַ זאַק קאַרטאָפל —
אויך מיר דאָ אַ שטאָלץ,
אויך מיר דאָ אַ מעפּיסטאָפעל!
פּאַרשווינד,
אַוועק פון מיינע אויגן!

און איך דערפיל גערוימקייט אַרום זיך,
עס יאָגט דער צוג
און פעלדער; שוועבן גיך,
אַ שיינער, אַ האַרבסטיקער, אַ קלאָרער טאָג;
בלעטער העלע, געלע, געלבע,
בלעטער רויטע, צונטער־רויטע . . .
אָ, ניין,
ס'זיינען ניט דיזעלבע פעלדער,

ס'זיינען ניט דיזעלבע שליאַכן,
די טראַקטן זיינען ניט דיזעלביקע,
און ניט אומזיסטיק זיינען זיי
די שטרייטן אונדזערע די ביטערע,
די שטרייטן אונדזערע די העלדישע.
מיר ווייסן אים דעם סוד,
ווי בייטן און ווי ענדערן.
מיר פירן, מיר געוועלטיקן!

און איך, מעפיסטעלעך
מיט שמייכעלעך פאַרבאָרגענע,
מיט הינטעררוקנדיקע הוסטעלעך,
איך, גראַשנדיקע ציניקער און לייטישע פאַשיסטעלעך —
איין אָרט פאַר איך איז פריי,
דער תהום איז פריי,
דער וועג,
וואָס פירט אַהין,
און אויף דעם וועג אַהין,
און אויף דעם וועג אַהין
מיר געבן מיט — געוויכט:
בליי,
צין!

7

מיר פאָרן פון סקירדן און פאָרן צו סקירדן,
וועמען געהערן זיי? קלאָר — צו קאָלווירטן.
אַך, ווי דערציילט מען אין הילכיקע סטראָפן
ווי איבער סטעפּ זיינען פערדלעך געלאָפן.

שוועבן און שוועבן פאַר אונדזערע אויגן
סטויגן און סקירדן און סקירדן און סטויגן . . .
וועמען געהערן די סטויגן, די סקירדן?
קלאָר ווי דער טאָג — זיי געהערן קאָלווירטן.

8

מונטערער; חברה! דער הימל ווערט שטרענגער.
מונטערער; חברה! אַ טאָג אַ געשענקטער!
ווען היינט דער אַרבעט־טאָג מוזן זיין לענגער.

אַפּשטיין; אַוועקגיין ווען קיינער דערוועגן.
אַלע געדענקען, געווען איז שוין רעגן,
אַלע געדענקען — ס'איז אונדזער פֿאַרמעגן.

טאָר אויפֿן סטעפּ קיין איין סנאָפּ ניט פֿאַרבלייבן,
מוז מען זיך יאָגן, מוז מען זיך טרייבן,
אַרבעטן מוזן אי קינדער, אי ווייבער . . .

9

זאָגן עדות סקירדן,
זאָגן עדות עלעוואַטערס
וועגן אַרבעט שווערער,
וועגן אַרבעט האַרבער . . .
אויסגעדעווערט, אויסגעמאַטערט
זאָגן עדות מענטשלעכע געזיכטער
וועגן שווערע מי נאָך ניט נאָרמירטער.

אָ, די צייט פֿון שניט!
זי קומט אָן און זי באַפֿאַלט
יונג און אַלט, קליין און גרויס
אַלע ציט זי מיט,
אַלע נוצט זי אויס!

קורץ איז ער דער לענגסטער טאָג!
לאַנג איז די קליינע נאַכט!
גייט און שנײַדט
און בינדט און טראָגט!
קלייבט און פֿירט
און דרעשט און שאַרט!
טוט און טוט,
פֿון פֿרי ביז נאַכט
פֿון נאַכט ביז פֿרי!

ס'איז די צייט פון שניט!
זעט —
קיין רגע ניט פאַרלירט —
מי אין שניט
איז ניט נאַרמירט!
מי אין שניט
איז ניט נאַרמירט!

10. אַ טראַקטער.

ביזט מיט משא באַשווערט
און דיינע פיס רייסטו קיינמאָל ניט אָפּ פון דער ערד
און אויף איר און אין איר,
אין דער ערד, —
אַלע פיר, אַלע פיר.

ביסט מיט משא באַשווערט,
ניט דו שוועבסט איבער איר,
איבער ערד —
דו באַצווינגסט און דו לעבסט מיט דער ערד,
און אויף איר און אין איר
אַלע פיר, אַלע פיר
און אַ קויק נאָך אַ קויק,
און אַ שטויס נאָך אַ שטויס
און אַ קריך נאָך אַ קריך
און צום אויג,
און צום שויס,
און צום דיך.
ניט מיט וואַסער פון קוואַל,
וואָס איז דאָ איבעראַל,
ניט מיט וואַסער פון טייך
וואָס איז דאָ אויף דער פלאַך —
דו נערסט זי מיט נאַפּט,
דיין פאַרעקשנטע קראַפט:
יעדער טריף,
וואָס באַנייט
יעדער צייט,

איז פון ווייט,
איז פון טיף.

יעדער גליד
פון דיין צאַרטן און פעסטן געביין
האָב געמאַכט איך אַליין,
איך אַליין האָב געמאַכט יעדן גליד
ניט פאַר זיך,
זיך אַליין
נאָר פאַר אַלע, פאַר אַלע אַ שטאָלענער פערד
אויף דער פרייער, אויף אַלעמענס ערד.

11

אין אַלטע פאַרקנייטשטע געזיכטער
טיפער פאַרקריכן די שטויבן.
יוגנט איז מונטער און זיכער —
שיינט דורך די שטויבן דער גלויבן.

יוגנט איז נאָך ניט באַנוגנט
מיט אַרבעט אויף פעלדער באַנייטע —
רייסט זיך אין שטאָט אַלץ די יוגנט,
רייסט זיך צו בויאונגען ווייטע . . .

קלאָגט זיך אַ פויער אַן אַלטער:
„ווער וועט דאָ אַרבעטן, — פרעג איך ?"
אַ פראַגע אַ שווערע אַן אַלטע —
הער איך און שטיי אין פאַרלעגן.

12

רעד איך און לייען זיי בלעטער
דאָס איז די גרעסטע זאָרג!
ווייסט דאָך אוודאי שוין, פעטער,
וועגן בונד צווישן שטאָט און דאָרף.

דעם בונד צווישן שטאָט און דאָרף
וועלן מיר קיינעם ניט לאָזן צערייסן,
דער בונד צווישן שטאָט און דאָרף,
ער וועט בלייבן פעסט ווי אייזן.

און ס'וועט קומען אַ ליכטיקער דור
ווען דער שווערער ביטערער חילוק
צווישן איצטיקע שטאָט און דאָרף
וועט ווערן אינגאַנצן פאַרטיליקט! . . .

13

. . . איז אַמאָל נאָך שווערלעך זינגען וועגן נאָענט —
איז פאַראַן ביי אונדז אַזויפיל וויַיטן:
און דאָס נאָענטע דאָס גראָווע,
לאָזט זיך בייטן . . .

און פון יעדער ענגשאַפט —
אויסוועגן און וועגן . . .
איז דערפאַר אויך אונדזער בענקשאַפט
פול מיט לעבן.

און דערפאַר מיט ברען מיט ריינעם
אָפט די הענט זיך שליסן
ביי אַ מאָלצייט אַ געמיינעם,
ביי אַ האָלבער שיסל . . .

ברודערשאַפט

זי איז שוין פול מיין ברוסט
מיט פאַרגעפילן הייסע
פון גרויסן קומען דיינעם
דו ברודערשאַפט!
ווען יעדער אָטעם גלוסט
ווען יעדער רודער שאַפט
ווען יעדער שטיין
איז אָפּגעשווענקט
פון גלייכגילט און פון שטויב,
ווען יעדער פאַל,
ווען יעדער הויב
איז אָדער „יאָ"
איז אָדער „ניין".
נאָר איז אַ שפּיר,
נאָר איז אַ צי,
נאָר איז אַ שטויס
פאַראויס;
ווען יעדער מי,
ווען יעדער ריר
אין קליין אין קייט
אַליין
איז גרויס,
איז ברייט
אַליין,
איז הוילע פרייד!

רעגנבויגן

את קשתי נתתי בענן . . .

אויס רעגן, אויס רוישן,
נאָר טראָפּנס פון פּערל
אין לופטיקע שויסן
אַוואו ווערט זיך קערן.

און דאָרטן אין הימל
אַ פּאַס איז געבליבן,
אַ פאַרבן־געווימל,
ווער זאָגט עס, אַז זיבן?

פון זען, פון געניסן
מיין זעל איז שוין שיכור,
די וועלט כ׳גיי דערוויסן
מיט עפּל פון בליקן.

דערוויסן, באַצווינגען,
באַפרוכפּערן, מערן,
דער היינט זאָל באַזינגען
דער מאָרגן זאָל הערן.

פון היינט און פון מאָרגן
מיין זעל איז באַטרינקען,
נאָר ערגעץ פאַרבאָרגן
דאָרט רוישעלעך זינגען.

„די פאַרבן די זיבן
אַ צייכן פאַרהיטן:
אַ צייכן געגעבן
אויף אייביקן פרידן״.

מיין שיכרות פֿאַרשווענקט מיך,
מיין טראָט ווערט אַלץ גיכער,
מיין קינדהייט געדענק איך
דעם צייכן פֿון זיכער . . .

מיין זעל זיך צעשמייכלט:
פֿון רייך איז זי רייכער.
כ'וויל ווייזן דעם צייכן
איעדן מיין גלייכן.

אַיעדן באַווייזן,
צו יעדן זיך ווענדן:
— איך ווייס נאָך אַ מעשׂה,
איך ווייס אַ לעגענדע.

ס'וועט זיין אַ טאָג

נו, זאָג־זשע מיר, מיין פריינט, נו, זאָג,
אין וואָס באַשטייט מיין גאַנצע מי און מיין באַרוף,
אין וואָס איז זי מיין גאַנצע ווערט
אויף ליכטיקער, אויף גרינער לופט,
אויף שוואַרצער, שווערער ערד,
אויב ניט אין דעם, אויב ניט דערין.
וואָס כ'קאָן אַזוי אינמיטן טאָג,
וואָס כ'קאָן אַזוי פון העלער הויט
אַ טרייב טאָן אים דעם שטויב פון זין
אַ וויש טאָן זי, די פּייכטע קויט,
און אָט אַזוי אים מאַכן גרינג
דעם שווערן לעבנס־רינג,
און אָט אַזוי זי מאַכן קלאָר
די טונקלע שויב,
די שויב פון וואָר.

און אָט אַזוי אָט דאָ דערביי,
זי טאָן אַ פּראַל
די טיר פון זיין
און פרייד וואָס אונדזער ערד
אין יעדער קאַנט אין יעדער קאַרב
פאַר ליכט פאַר שיין
דער זון אַנטקעגן ברענגען.

פון יעדער טראָפּן לייד
פון לאַסט פון איצט
אַ שטראַל דאָרט גייט
אַ גלאַנץ דאָרט בליצט:

פון אונדזער האַס
פון אונדזער קלאָג —
אַ שטרייף פון פרייד.

ס'וועט זיין אַ טאָג
ס'וועט זיין אַ טאָג.

***

אַט די וועלט, ווי זי איז
מיט איר הייך, מיט איר ברייט,
אַט די וועלט, ווי זי איז,
ווי זי שטייט, ווי זי גייט
מיט איר „פון", מיט איר „ביז"
בין איך גרייט היינט אויפסניי צו באַנעמען,
און דעם גרויסן אַלצדינג
אונטער נייעם באַדינג
געבן נייע און ריכטיקע נעמען,
און אויך זיך,
אויך מיין אייגענעם „איך",
גאָר אויפסניי
אונטער אויפזיכט צו נעמען.
אויך מיין אייגענער בליק
וואַרפט שוין ווירקלעכע ליכט
אונטער שטרענגער־געוואָרענע ברעמען.
און מיט שאַרפקייט פון הויכן געריכט
אויך מיין אייגן געזיכט
איז ער גרייט צו באַנעמען.

⁂

ווי ס׳איז לאַנג געווען דאָס וואַרטן,
ווייזט זיך דאָך מיר אויס,
פרי באַדעקט די פרילינג־צאַרטקייט
אונדזער שטאָטיש הויז.

און פאַרגעסן האָבן גאַסן
יעדן קלעם פון קעלט,
און עס שטראָמט די פרילינג־וואַסער,
און מיין טאָכטער קוועלט.

רוישן שטראָמען און זיי מעלדן
די באַנייטע שטעט,
אַז עס גרייטן פרייע פעלדער
גאָר אַ נייע זעט:

שוין פאַרצויגן אַלע וואונדן
מיט אַ פרישער הויט,
און אַ יוגנט אַ געזונטע
האָט צעבליט זיך רויט.

***

נו, זע, נו, זאָג אַליין נאָר, וואָס באַדייט ער, וואָס?
דער פּיטשימאַנטשיקער, דער היימישער פּאַרדראָס,
וואָס לויפט אַמאָל אַריין אין קרייז פון פעסטע פּריינט,
אַנטקעגן שטראָם פון וויסטן האָס פון בייזע פיינט,
וואָס גייט פונאויסן און פאַרעקשנט שפּריצט אַהער,
אויף יעדער אונדזער גראָד, אויף יעדער אונדזער קווער,
אויף יעדער אָרט, אי דאָ, אי דאָרט, אי אומעטום:
אָט דאָ וואוילרעדעריש און דאָרטן שטיל און שטום,
אין טויזנט ווייכע שלייערן פאַרדעקט, פאַרהילט,
נאָר אָנגעווענדט די שאַרף, די רעד איז אָנגעצילט
אויף יעדער טריט פאָראויס, אויף יעדער פעסטן שפּאַן,
אַוואו פון וואוקס ביי אונדז אַ סימן איז פאַראַן.

אַנטקעגן אָט דעם שטראָם פון וויסטן בייזן האָס,
וואָס גייט פון אויסן און פון אינווייניק, פון פיינט, —
וואָס איז ער, וואָס באַדייט ער, אונדזער קליינער כעס,
וואָס לויפט אַמאָל אַריין אין קרייז פון פעסטע פּריינט.
נו, זע, נו, זאָג אַליין נאָר, וואָס באַדייט ער, וואָס,
דער פּיטשימאַנטשיקער דער היימישער פּאַרדראָס?

***

שיין און שיין איז אונדזער וועלט,
ווען עס צייטיקט זיך דאָס פעלד.

ווען פון זעט דער גרויסער רייך
גייט פון קאָרן און פון ווייץ,

ווען פון ברוסט אַ הילך זיך בעט:
„לאַנד פון אַרבעט און פון זעט!"

נאָך אַ הילך זיך בעט דערביי:—
לאַנד מיינס, לאַנד מיינס, דו ביסט ביי!

רייך מיט ווערדע און מיט מוט
און מיט ברויז פון רויטן בלוט!

פון מיליאָנען דיינע זין
בין איך איינער, איינער כ'בין.

מיינע קינדער וואַקסן פריי,
מיינע קינדער ליבן טריי

דיך, מיין לאַנד, מיין לאַנד מיין גרויס
און דיין רויטן, רויטן ברויז!

ערשטע באַוואונדערונג

⁂

אַ ווייטער דאַך־פענצטער פאַרכאַפּט האָט אויף זיין גלאָט
אַ שטיקל זונען־בראַנד, וואָס זינקט און זינקט.
ס'איז טיף אין האַרבסט. דער לעצטער בלעטער־פאַל.
איך שטיי ווי אויף דער וואַך,
און ס'וואַרט מיין בליק,
ביז ס'וועט די ציאונג־קראַפט פון ערד
זיך נאָכאַמאָל באַמיען
פון פייכטער צווייג
אַ געלע בלאַט אַראָפּצוציען.
1912

קאַמפּאַס

ס'איז נאַכט,
און שטערן אָן אַן עק און אָן אַ ברעג . . .
און פול מיט סוד איז אַלץ, וואָס איז באַוואוסט און איז באַקאַנט
אין רונדן שאַכטל אויף מיין בלייכער האַנט,
אַ פּאַסיקל אָן אייזערנס — מאַגניט,
אַלץ ציטערט אויף אַ שטיפטל אין זיין מיט
פון אונטער דעק פון גלאָז,
אַהין, אַהין צום צפון־שטערן ציט . . .
פאַרוואָס, פאַרוואָס ? . . .

1912

⁂

ס'איז נאַכט . . .
דער צוויטער האָן האָט שוין געקרייעט.
דאָרטן אונטן, טיף אין הויף, אין ווינקל
אין שטעלעכל, פאַרפאַקט מיט חושך,
דאָרט זיצט ער אויף אַ שטענגל
און הויבט דעם קאָפּ אַרויף
און צייכנט אָפּ מיט אָנגעשטרענגט געשריי
אַ שטילן זוים
פון שוועבנדיקער צייט
און שוועבנדיקן רוים.
ער שוועבט, דער רוים,
איך ליג אויף מיין געלעגער,
און גריגגע כוואַליעס־צייט
מיך טראָגן ווייט אַהין,
ווען אין אַ לאַנג פאַרשוואונדן האַרץ,
אין אַ לאַנג פאַרשוואונדענעם שוין זינען
אַ שפּרוך איז אויפגעשוואומען:
„הנותן לשכווי בינה!" *

1912

---

* געבענטשט איז דער, וואָס גיט דעם האָן פאַרשטאַנד צו פאַ־נאַנדערשיידן צווישן טאָג און נאַכט (איינע פון די אינדערפריאי־קע ברכות (תפילות)

ערשטער שניי

אינדערפרי געוועזן אַ ווינט,
האָט געראַמט און האָט געקערט —
איז געוואָרן האַרט די ערד . . .

ס׳האָט געדרייט אַ גאַנצן טאָג,
ס׳האָבן וואָלקנס זיך געשפּרייט
און די זון אַהיים באַלייט . . .

איז צו נאַכט געוואָרן שטיל.
ס׳האָט די וועלט דערהערט אַ נייס,
גאָר אַ שטילס און גאָר אַ ווייס:

ס׳גייט זיך שטיל דער ערשטער שניי,
זוכט אַ וועג און שיט און שיט,
דאָ און דאָרט און אינדערמיט.

שלאָף־זשע, שלאָף־זשע, שלאָף, מיין קינד!
ס׳איז אויף מאָרגן שוין באַשטעלט
גאָר אַ נייע קלאָרע וועלט! . . .

1912

מיין הונט

פון וועג פאַרשוואַרצט, פון זוכן — דול,
אין מיטן שליאַך איז ער געלאָפן.
אין יאוש איינגעשפּאַנט, ווי אין אַ שווערן עול,
ווען אים אַנטקעגן האָט מיין הארץ מיין יינגלש זיך געטראָפן
און ס'האָט אַ „ניא" אַ וואָרף געטאָן מיין קינדערש קול.

אַ ראַבער איז ער, אויף געל — ווייסע פליאַמען,
אַ פּאָר געטרייע אויגן פול מיט טיפער שיין,
און אַז ער האָט די אויגן אויפגעהויבן אויף מיין מאַמען,
האָט זי אַ מאַך געטאָן: „נו, זאָל ער זיין!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון זיין פאַרגאַנגענהייט האָב איך געוואוסט צוויי זאַכן:
ער האָט געהאַט אַ באַלעבאָס, אַ נאָמען לאַנג פאַר מיר,
מיין יינגלש האַרץ איז זיינס געווען,
און ער האָט זיך גענומען וואַכן
אויף מיינע טריט דורך שפּאַלט פון אונדזער טיר . . .
און איך האָב ביט געפונען אים, דעם אַלטן נאָמען זיינעם,
פון צווישן אַלע נעמען, וואָס טראָגן ביי אונדז הינט,
און אונטער גאָר אַ נייעם נאָמען, גאָר איינגאַנצן מיינעם
האָט ער מיין יינגלשן אַרום מיר טריי באַדינט.
און איך בין יונג — די גאַנצע וועלט איז מיינע,
און האָב אַ הונט אַ גוטן אויך דערצו,
און יעדער יאָר אַלץ שטאַרקער, פליגקער ווערן מיינע פיס
און שוואַכער ווערן זיינע,
ער דרייט זיך אָפּט אַרויס פון איבעריקע גענג
און זוכט זיך שוין אַביסל רו . . .
ס'איז פרילינג שוין געווען, און וואַרעמע פאַרטאָגן
די שוואַרצע פעלדער האָבן מילד באַטויט . . .
צום גראָבן לעבן שטעלכן האָט ער שטום פאַרטראָגן
די לעצטע אַנגסטן פון זיין שטילן טויט.

ס׳איז ווידער פרילינג,
די רינשטאָקן שוין זיינען דורכגעשליפן
מיט ערשטע וואַסערן . . .
פון טאַפּאָל לעבן גרויער וואַנט
געדיכטע טראָפּנס טריפן, טריפן.
ווער בלאָנדזשעט דאָרט אויף פּעלדער פרייע,
ווער האָט מיך דאָרט דערמאַנט,
וואָס שיין פון אויגן הינטישע געטרייע
האָט פלוצים אויפגעפלאַמט
אין מיין אַ ליד.

1912

⁂

אין טיפן פון טיפסטן ים,
אויך דאָרט,
וואו די אַלמעכטיקע די זון
ניט טראַכט שוין פון קיין שליטה,
וואו ס'ליגן שיכטן וואַסער־שטאָל
אין טויט באַרוטע;

אין פינצטערן בית־עלמין, דאָרט,
וואו שיפן־געביינען
צאַמען
הויפנס קברים
אין שווייגעניש אין טיפער;

דאָרט,
וואוהין דער שווערסטער שטיין
(וואָס שניידט צום גיכסטן דורך זיין וועג)
דערטראָגט אַ שוואַרצן גרוס
פון שיין פון וויטער,
אַ שטומען גרוס
פון כוואַליעס־שפיל,
שוין טויזנט מאָל באַנייטער
אין טעג פון ווינט,
פון שלאַכט,
ווען אויף דעם ים
גייט באַרג אויף באַרג, —
אויך דאָרטן
האָט דאָס לעבן זיך געמאַכט אַ נעסט.
דאָרט וואוינען בריאות
וואונדער־מיאוסע,
וואונדער־שיינע;
און מער ווי מיר
צו לופט,
צו שיין צו רייַנער
מיט דרוק
און קברים־חושך
זיינען זיי פאַרבונדן פעסט.
1912

אין וועג

כ׳וועל שווערן, אַט אָ דאָ בין איך געווען אַמאָל,
און ס׳האָבן אָפּגעשפּיגלט מיינע אויגן
אי אַט דעם וואַלד, אי אַט דעם טאָל,
אי אַט דעם זאַמד, וואָס האָט זיין גרונט פאַרצויגן.
עס סקריפּעט שטיל די ראָד,
און הילכיק לאַכט אין מיר
מיין מענטשלעכער, מיין מעכטיקער זיכרון.
אָ, ער געדענקט נאָך יעדן קער
אויף יעדן וועג פון אַלע מיינע יאָרן . . .
. . . איך שווער, איך שווער, עס איז געשען!
אין טרוים, אין אַנדער אורגעשטאַלט
איך האָב דעם טאָל געזען,
איך בין געווען
אין אַט דעם וואַלד . . .

1912

וואַלד

⁂

אַ קאַלטער פאַרצאַרנטער אָונט
אויף ווייסע פאַרגעסענע פעלדער,
פון אַלעמען ציט מיט אורעלטער,
און אַלעס איז ווייט מיר און נאָענט.

אַן אַלטער שאָסיי אַ באַקאַנטער
מיר טרייבט אַלץ די סטויפּעס אַנקעגן,
עס דאַכט זיך מיר אויסעט — איך וואַנדער
אויף פרעמדע פאַרצויבערטע וועגן . . .

אָט שטייט דאָרט אַ וועלדל — אַ שווייגנדע עדה —
און ס'לויפן אַלץ סטויפּעס און ס'הודען אַלץ דראָטן,
אויף פעלדער אויף ווייסע מיר יאָגן זיךביידע —
מיין שאָטן נאָך מיר נאָך, און איך נאָך מיין שאָטן . . .

1912

פרילינג

1

טאָג נאָך טאָג שוין ציט פון דרום,
ס'איז מיין שטיבל קליין און אָרעם,
ס'קאָן מיין טיר מיך ניט פאַרהאַלטן . . .

טאָג נאָך טאָג שוין ציט פון דרום . . .
עמעץ דאָרט אין וועלטן־עקן
וויקלט איבער לייוונט דינע,
און אין פייכטע טיפע פאַלדן
פלאָנטער איך זיך פון באַגינען
ביז פאַרפלאָמטע אָוונט־ראַנדן . . .
1912

2

די שנייען־טוכן ליגן ניט באַרירט
דאָרט אין באַהעלטעניש פון וואַלד פון טיפן,
נאָר וואו אַ וועג אַ העלער פירט,
איז יעדער צווייג מיט ווינט שוין דורכגעשליפן.

ביינאַכט אויף פעלד נאָך שניצן זיך און מאָלן
די לעצטע אויסגעוועפטע פרעסט.
אומזיסט!
דער היישעריק דער ווינטישער דערעסט
די פוילע שנייען אין די טאָלן.

און אונטער זון!
פון בערגלעך ציט אַ בוימלדיקער ריח,
און שוואַרצער זאַפט פון ערד זיך זאַמלט אין די היילן.
און אונטער זון!
אַלץ גרינגער וואַרפט דער קאָפּ זיך איינדערהייך
און שנור פאַרבראָכענעם די בושעלעס צו ציילן . . .
1912

אין וואַלד

ס'איז האַלבער טאָג. ס'איז מיד דאָס אויג פון שיין,
דער מוח — אָנגעזעט מיט פינקלען.
דורך הויכע זיילן כ'גיי אַריין אין שטילע ווינקלען,
אויף שאָטן כ'לייג זיך צו, מיט שאָטן כ'דעק זיך איין,

און ווער פאַרקליינט, פאַרדינט : ביי מורעשקעס אין הויפן
פון הויכן טורעם קלינגט אַ גלאָק ;
מיליאָנען פיס דאָרט האַלטן אין איין לויפן
פון טיר צו טיר, פון שטאָק אויף שטאָק.

אָט איילט דאָ איינע לעבן מיר. מיט גרויסער האַנט
האָק איבער איר דעם וועג און קוק אָן לאַכן,
ווי בריהש וואַרפט זי זיך, ווי אויף אַ גלייכן,
און ס'ברענט אין האַרצן ביי איר אַ פייערבראַנד.

אָט בין איך ווידער גרויס, כ'שטיי אויף און גלייך זיך אויס,
ווי הויך די זון איז, כ'גיב אַ קוק דורך הויכע פענצטער —
איצט צווישןביימער-ברידער בין איך שוין דער קלענסטער,
און טראָג אַרויס מיין יונגע פרייד פון זייער הויז . . .
1912

ניי־יאָר

ער האָט דעם קאָפּ אין רוים געהויבן,
ער האָט געקנייטשט דעם נידעריקן שטערן
און האָט אין ציטערדיקן גלויבן
געפרעגט די פינקלדיקע שטערן.

מיט ווייסע קאַרבן אויף אַ צווייג
באַצייכנט האָט ער שטום
דעם גאַנג פון די מזלות.
— — — — — — —

און דורות שטאַרבן
אויף ערדישן אַרום,
און דורות שטייגן.
— — — — — —

1912

⁂

איך האָב פאַרברייטערט שוין
מיין גרויסע מיט —
אומענדלעכקייט איז איצט מיין לוין
פאַר מיינע שווערע טריט.

מיין ווייטער זיידע!

היינט ציט צו דיר
אין וויסטער היל —
דיין ווילדע פרייד,
דיין ווילדן פּחד טיילן,
אין ערשטן וואַלד־געררויש
דעם קאָפּ צעמישן,
אויף ערשטער מאַכן־קישן
מיין האַרץ צו היילן.

1912

אוראַלט

איך בין ווידער אין וואַלד,
אין מיין אוראַלטן לאַנד,
אין דעם ליכטיקן קרייז
פון מיין אור־יונגער פרייד.

גיב־זשע גיכער דיין האַנט,
וואָס טראָגט ריח פון לייב —
יעדער פאַלד
פון דיין קלייד איז דערווידער.

גיב־זשע גיכער אַ טרייב,
גיב אַ שאַר זי אַוועק,
די דערעסענע בין,
וואָס נאָך זשומעט און וועקט
מיין פאַרשלעפערטן זינען.
— — — — — — — —

ווער אויף וועגן מיר שטייען ?
ווער אַנטקעגן מיר גייט ?
איך וועל יאָגן,
דעריאָגן,
זיך ראַנגלען.
מיט הענט און מיט פיס
און מיט ביס
פון פאַרשאַרפטע געציינערטע אַנגלען . . .
— — — — — — — — — — — — —

א — הו !
איך בין ווידער אין וואַלד
אין מיין פאַרכטיקער רו . . .

1912

⁂

1

כ'האָב דערזען זי ביים טייך
אונטער צווייגן,
אונטער גרינעם, מיט הימל פאַרלאַטעטן דאַך,
אין אַ פּאָר צענדליק טריט,
אויף דעם ערדישן שווייגן
האָט געשטומט דאָרט אַ שטיין,
אַ פאַרעקשנטער גליד
פון מיין אורלאַנדס צעזייטן, צעשטויבטן געביין . . .
כ'האָב דערזען זי אין נאַקעטער פרייד פון איר לייב,
אין צעפלאָסענער קרוין פון די דופטיקע האָר,
כ'האָב דערהערט פון די טיפן פון אור־יונגע יאָר :
— אָט אַ די רופט מען ווייב!

1912

2

אין ענגן צימער
אויף שוואַרצע שטרענגע בענקלעך צוויי
אין אָנמאַכט ליגן אונדזערע צעקנייטשטע קליידער . . .

— — — —

ווי אויף אַ ברעג
אויף זאַמד,
דאָרט וואַרטן זיי,
די הייפּעלעך פאַרלאָזטע קליידער . . .
כ'בין ווייט פון ווענט, פון שטעט אָוועקגעשוואומען —
אַרום איז וועלט־געררים,
און כוואַליעס יאָגן זיך און אָטעמען מיט שוים . . .
מיין ליבע, אייל ניט צומאַכן דיין טונקלען בליק,
אין זיין צעבויטעטן באַפּייכטן שפּיגל
איצט קוק איך אַלץ אַהין,
אין ליכטיקן פאַרגעסענעם צוריק! . . .

1912

האַלב מאַי

דער טאָג פאַרגייט . . .
אַ טאָג — אַ וועלט אַ גאַנצע — האַלט ביי זינקען
און שטעלט די לעצטע טריט אויף הימלס נידער־טרעפּ.
זיין פייער־קלייד
האָט מיינע אויג־מלוכהס שוין פאַרטרונקען
מיט זיין צעוואָרפענעם באַפייכטן שלעפּ.
און מיט געוואַלד
האָט ער מיט גאָלדענע קייטן צוגעצויגן
די גאַנצע ווייט אַרום צו זיין פאַרגאַנג:
דעם בלויען וואַלד,
דאָס גאַנצע וועזן מיינס דורך מיינע אויגן,
און אויף די יונגע פעלדער יעדער וויקל־זאַנג.

1912

***

עס זיינען פאַרפולט שוין די פעלדער מיט שיין
און גייען שוין איבער.
און וואַלדישע ברעגן גיט האַלטן שוין איין,
און זון גייט אַריבער.
און ס'העלן זיך וועלדער פון בערגל ביז טאָל,
און ס'בלייכן זיך מאַכן,
און ס'זיינען שוין זוניקע פלעקן אָן צאָל
אַהין אויך פאַרקראָכן . . .

1912

לעצטע טעג

אויב ניט דער לעצטער איז ער שוין, דער טאָג דער בלאַסער
ער ראָמט ווי אויס די מינדסטע שפּור פון שיין,
אַ ווינט קומט אָן און קנייטשט דאָס שטאָל פון וואַסער
און יאָגט געשווינד אין העלן וואַלד אַריין.

פאַרלאָזן שטייען לאַנג די הויכע טיר און טויער —
אַ שאָרך פון בלעטער אים באַווייזט דעם וועג;
ער זעט, ס'איז אַלץ שוין גרייט צום טיפן טרויער,
צו גרויער רעגן־נעץ פון חשוון־טעג.

נאָר אָט אַ לאָנקעלע — דעם אָטעם האַלט ער איין, —
ווי קליינע קינדערלעך אַרום אַ פולער מולטער,
דאָרט שטייען רויטע דעמבעלעך אין העלער שיין . . .
דער ווינט, ער קוקט און ווערט אַלץ מילדער, מילדער.

און פאַר פאַרגיין שוין בלייבט די זון אַביסל שטיין,
מיט לאָנקעלעך אין וואַלד האָט זי זיך ניט געזעגנט.
ס'איז נאָך אַ טאָג געשענקט פאַר אונדזער געגנט,
ס'האָט נאָך אַ שטילער טאָג געלאָזט זיין העל געביין ! . . .

1912

שפּאַציר

דעם ליטוואַק נ. לוריע

ס'איז האַיאַר פרי געוואָרן קאַלט. ס'איז אויסגעפאַלן שניי,
און ווינטערדיק קוקט אויס די גאַס פון הינטער שטאָט,
און אַלט און אורראַלט קוקט די הימל־ראָד,
ווי ס'שמועסן גייענדיקע מענטשן צוויי.

פון ליטע איז ער, איך בין פון וואָלין,
זיך היינט באַגעגנט צופעליק און שפּאַנען סתם,
און פילן ביידע גליך, אַז ערגעץ זיינען וואָרצלען גרין
פון איין געמיינזאַמען, פון אונדזער ביידנס שטאַם.

פון ביימער שמועסן מיר, פון זייער וואונדערלעכן רויש,
פון אַלץ, וואָס איך האָב ליב, און ער האָט האָלד,
און בלייבן גלייך פאַרשטוינט, ווען פלוצים שוועבט אַרויס
אַ ווייסינקע בערעזע נאָך אין זשאַווער־גאָלד.

1919

האַרבסט

אין דער גרויסער אַלייע
זיינען שטרענגער די ביימער . . .
אין קלאָרע פרימאָרגנס
איז גרינג דאָרט צו שפּאַנען,
איז גרינג דאָרט צו קלערן
מיט האַרבסטיקן האַרצן . . .
אויף קינדער פאַרברויינטע
דאָרט וואַרטן קאַשטאַנען
(ס'איז האַיאַר געראָטן),
און זוניקע רעדלעך
דאָרט ליגן און רוען
אין בלוילעכע ראַמען
פון קילבלעכן שאָטן . . .
אין דער גרויסער אַלייע
זיינען שטרענגער די בוימער . . .
איז גרינג דאָרט צו קלערן —
פון שטויביקן אומרו
דאָס האַרץ צו באַשווערן . . .

1919

***

שוואַרצע, קאַלטע, אָפּגעהאַקטע שטאַמען
פּאַשען זיך, ווי שעפּסן, דאָרט צוזאַמען
אויפן באַרג. —

ווילט איר, ווילט איר, קאָנט איר איצט נאָך דרינגען —
ס'האָט אַמאָל אַ פרישער וואַלד געגרינט דאָ . . .
ס'איז מיר קאַרג ! ס'איז מיר קאַרג !

ווילט איר, ווילט איר, קאָנט איר נאָך געפינען !
ס'וועט אַ וואַלד אַ הויכער דאָ נאָך גרינען —
דאָס איז שיין.

מיינע קינדער וועלן דאָרט שפּאַצירן,
וועלן זיך אַהין אַליין שוין פירן,
איך שוין ניין, איך שוין ניין . . .

כ'ווייס, אַז אַלץ, וואָס כ'האָב דאָ אויף די ערדן,
וועט אַמאָל, אַמאָל פאַרגליווערט ווערן.
אַ, טוט באַנק.

נאָר דערוויל איז איצט מיין העלער וויסן,
ווי מיין וועלן, ווי מיין גרויס געניסן —
אַ געשאַנק, אַ געשאַנק.

1919

***

צו סאָסנע־גאָלד, צו שוואַרץ פון דעמב
און צו בערעזע־קרייד
איז צוגעקומען טונקל־גרינס פון טאַנען, —
און דו, מיין קינד, צו וואָסער נאָענט דאָ, צו וואָסער ווייט
ביסטו מיר צוגעשטאַנען ?

דו האָסט זי אויסגעפּעלט מיין ווייטיקדיקע מיט —
ביסט צוגעגאַנגען גלייך צו אַכט־און צוועלפיאָריקס,
און פירסט מיך פאַר אַ האַנט פון ווייטן העלן שניט,
וואו ס׳בלאַנדזשעט אַלץ אין בלוילעך־קלאָריקס.

און כ׳גיי אויפסניי, אַ רייך באַוואָפנט קינד,
און גלייך פון דאָרט מיט ווין פון קינדער־קעלטער,
אויף נייעם שניט פון ווי און ווינד,
אויף נייער בייט פון שטרייטן־פעלדער.

1921

***

פון אַלע וועלדער, וואָס איך האָב געזען,
איז טונקלער טאַנען־וואַלד געדיכטער . . .
ווי אומגליקלעך וואָלט איך געווען,
איך זאָל אַצינד ניט זיין קיין דיכטער.

איך זע : די לעצטע זיילן שיין
זיך האָבן טיף אין גרינס באַהאַלטן.
און הער דעם ערשטן אָנזאָג : ליכט זאָל זיין !
דעם ערשטן שאַל פון הימל־שפּאַלטן.

און כ׳ווייס ניט, ווי איז דאָס געמאָלדן,
און ס׳קאָן אַ האַרץ אַ שווערס ניט ווערן גרינג,
ווי קאָנען קעגן זיילן שיין ניט טאָן אַ קלונג
די קושן דיינע — דיינע גאָלדן . . .

1921

אין פּאַרק

אַך, ווי זיי דערפרישן
קלאָרע טעג פון האַרבסט.
אַך, ווי זיי פאַרווישן
וויי פון האַרץ!

צונטער וועלקן בלעטער
אונטער אונדזער ברייט;
מונטער שמעקן בלעטער
טויטערהייט...

טאַשן פול קאַשטאַנען;
קינדער אין אַ ראָד!
דאָרטן, וואו מיר זיינען,
דאָרטן איז אַ שטאָט...

1921

***

באַקאַנטע, גוט באַקאַנטע ליבע בילדער
פון גרויסן היימלאַנד מיינעם,
אויף בלוי פון הימל ביימער־שפּיצן מילדע,
אויף הימל פון אוקראַיִנע.

אַ שטילע שעה פון רו אין גרינעם ווינקל
ניט ווייט פון שטאָט, פון קיעוו,
איז וואָס, אויב ס'האָט אַמאָל אַ קליינינק ייִנגל
געלערנט פּסוק איוב.

איז וואָס, איז וואָס, אַז ס'האָט אַמאָל אַ דיכטער
געפונען ווייטע גראַמען,
און בײדע נעמען ווייט־צעשיידטע אין געשיכטע
אַוועקגעשטעלט צוזאַמען?...

אַ צייט! אַ צענדליק יאָר אין טאָג אין איינעם,
אין איין מעת־לעת אין פרייעם.
ניטאָ קיין צייט דאָס אַלטע צו באַוויינען —
באַוויז דערזען דאָס נייע!...

סוויאַטאָשינע, 1927

אין וואַלד

ניט אומזיסט זאָ קלויבט מען, היט מען
קלאַנגען, ווערטער, מאָסן, ריטמען.

יעדער קלאַנג האָט זיין באַדייט,
האָט זיין אָרט און האָט זיין צייט.

וויפל צייגן, וויפל שטאָפּן,
פּונקט אַזויפיל געגג און סטראָפּן.

יעדער גליד און יעדער שיכט
האָט זיין ליד, האָט זיין געדיכט.

כ׳האָב געהערט, אַז ליד איז סאַמעט —
וועלטן־שטאָף אין שטערן־ראַמען.

כ׳האָב געוואוסט פון ליד די טיף —
ספערן־גאַנג, פּלאַנעטן־טריף.

כ׳האָב געהערט פון לידער־זיידנס,
ניט פון באָענט — איז פונווייטנס.

ניט ביי זיך, איז דאָרט ביי לייטן,
איז ניט איצט, איז פון פאַרצייטן.

אויך געוואוסט, אין לידער זידט מען,
אויך געוואוסט, אַז לידער שמידט מען.

אויך געוואוסט, אַז ליד איז שטאָל,
שטאָל, וואָס שטייפט זיך וואָס אַמאָל.

אויך געוואוסט, אַז ליד איז דימענט —
האַרטע, שאַרפע, העלע הימנען.

אויך געוואוסט, אַז ליד איז שיין,
שיין, וואָס דרינגט אין שטאָף אַריין.

היינט פון שיין נאָר וויל איך שפּינען,
ס׳איז דאָך דאָ אַ וואָרט: באַגינען!

וואו איך פאָר דאָ, איז ער הי,
וואו ס׳איז שפּעט שוין, איז נאָך פרי.

דאָך פאַרשאַפט מיר זיסע ליידן,
יעדן טאָג זיך מיט אים שיידן,

יעדן טאָג אין אָפּ, אין גרונט,
זאָגן אים אַ זיי־געזונט.

ניין, איך ווייס, ער איז דאָ שטענדיק,
ס׳איז אין אונדז אַליין געווענדעט.

זיך דערוויסן, וואו און ווען
אים צו טרעפן, אים צו זען.

אים, דעם לויטערן באַגינען,
כ׳האָב גענומען זיך געפינען.

כ׳האָב פאַרלאָזן דאָרף און שטאָט,
כ׳בין אַרויס אויף גאָטס באַראָט.

כ׳בין אין פעלד, אין וואַלד געגאַנגען,
כ׳האָב געהערט די רויע קלאַנגען.

כ׳האָב געשפּירט און כ׳האָב געהיט
אַלע ערשטע, ווילדע טריט.

און אויף שפּירן און אויף זוכן
אפשר טויגן אַלטע שפּרוכן.

אויך אַ שפּריכוואָרט האָב איך מיר,
אַלטע, אַלטע ווערטער פיר.

כ׳האָב אַמאָל זיי זיך פֿאַרצייכנט
(כ׳וועל זיי ברענגען, זייט מיר מוחל),

אויב ס׳וועט קיינער ניט פֿאַרשטיין,
וועט פֿאַרשטיין האָפּשטיין אַליין.

כ׳האָב געווענדעט זיך צו בוימער:
יום ליום יביע אומר!

ניט פֿאַרשטאַנען האָבן זיי,
ניט פֿאַרשטאַנען האָבן זיי . . .

הייסט עס, כ׳האָב פֿון שפּרוך קיין נוצן?
אפשר קאָן ער כאָטש באַפּוצן?

טראַכט זיך יעדער, וואָס ער וויל,
כ׳בין נאָר אויסן — הערט מיך שטיל:

כ׳בין אין פֿעלד, אין וואַלד געגאַנגען,
כ׳האָב געהערט די רויע קלאַנגען.

כ׳האָב געשפּירט און כ׳האָב געהיט
אַלע ערשטע, ווילדע טריט.

האָט דער וואַלד מיך טיף פֿאַרצויגן
און געקוקט מיר אין די אויגן.

אין אַ יונגוואַלד מיך פֿאַרפֿירט
און געזאָגט מיר: „שטייט און שפּירט!"

איז אַ וואַלד מחויב אירצן?
פֿרעגט ניט, ניט באַקוועם דאָ קירצן.

כ׳בין געשטאַנען, כ׳האָב געוואַרט,
כ׳האָב געוואַרט ביז מיט פֿון נאַכט.

כ׳שטיי און כ׳שפּיר — אינמיטן דרינען
עס באַווייזט זיך מיין באַגינען.

ס׳האָט מיין האַרץ פאַרשוועגקט אַ פרייד,
כ׳שטיי און קוק — צו וואונדער גרייט.

קיינע ווערטער קאָנען דינען
איך צו מאָלן דעם באַגינען.

ווי ער שטייט און ווי ער גייט —
ס׳האָט מיין האַרץ פאַרשוועגקט אַ פרייד.

איינס איז מיר נאָר איצט געבליבן,
איך אין פראָסטע ווערטער גיבן,

וואָס איך האָב געזען דאָרט און . . .
וואָס באַגינען האָט געטון.

ער האָט שטיל אַ פונק פאַרלוירן,
אים געוואונקען: — ווער געבוירן!

און פאַרזאָגט אים: — גלי און בלי,
און צעפלאַנץ זיך אינדערפרי.

האָט דער פונק (נאָך גאָר אַ בלאַסער)
אים געענטפערט און געחזרט:

גלי און בלי, און גלי און בלי
און צעפלאַנץ זיך אינדערפרי.

האָב איך שטיל געוואַרט מיט ציטער,
כ׳קוק — דער פונק איז פערלמוטער.

גלי און בלי, און גלי און בלי,
כ׳גיב אַ קוק, עס שפריצט דער פרי.

האָט דער וואַלד מיר שטרענג באַפוילן,
איך זאָל אַלעמען דערציילן.

זעט, באַגיבעץ זיך באַהאַלט
דאָ ביי מיר אין טיפן וואַלד.

און פון זיך נאָך כ'וועל דערגעבן:
שיין און שיין און שיין איז לעבן!

וואו איך פאָר דאָ, איז ער הי,
ווי ס'איז שפעט שוין איז נאָך פרי.

ווי איר זיינט דאָ ניט פאַרנומען,
זעט, אַז אייך זאָל אויך נאָך קומען,

איין מאָל אויסקומען זאָל אייך,
אַלץ צו זען מיט מיר באַגלייך.

האָלאָסייעווער וואַלד 1929

אין וואַלד

אַזאַ טאָג אָ קלאָרער, אַזאַ קלאָרער טאָג,
קלאָרער זאָג נאָר, קלאָרער, קלאָרער זאָג.

אויס מיט פרילינג־נעפּלען, זע, זיי זײַנען ווײַט,
ס׳איז אַצינד פון קלאָרקייט, ס׳איז אַצינד די צײַט.

קלאָרער זאָג־זשע, קלאָרער, קלאָרער זאָג!
אַזאַ טאָג אַ קלאָרער, אַזאַ קלאָרער טאָג!

און גענוג שוין בלאָנדזשען, פּלאָנטערן גענוג.
ביימער דרײַ פאַראַנען, איינער בוים פון יונג.

און דער בוים דער צווייטער איז דער בוים פון אַלט,
נאָך אַ דריטער — דאָס איז ער, דער וואַלד.

און דער בוים דער דריטער — דאָס איז דײַן געביין.
וואו איז דאָ צו בלאָנדזשען? זאָג נאָר דו אַליין . . .

ניין און ניין, און דרײַ מאָל ניין און ניין און ניין!
ניט נאָר דו ביסט וואַך דאָ, ניט נאָר דײַן געביין!

און מיט אַלע, אַלע ביסט פאַרבונדן שוין
מיט דער פולער אַרבעט, מיט דײַן רו און טרוים!

און דײַן ריר דײַן יעדער ווערט דאָ באַלד געשפּירט,
און דײַן ריר דײַן יעדער ווערט דאָ אָנגעפירט.

און דײַן גרויס באַוואוסטזיין פלעכט זיך פעסט שוין אײַן,
פלעכט זיך אויס איינצייטיק פון דײַן גאַנצן זײַן!

אַזאַ טאָג אַ קלאָרער, אַזאַ קלאָרער טאָג,
קלאָרער זע אַלץ, קלאָרער — און דערנאָכדעם זאָג!

1932

פעלד (1912)

*

דאָרט, אויף בלויע נאַכטן־שנייען
צווישן הוילע ביימער־ריטער
שפּאַנט מיין שומר, שפּאַנט דער היטער
פון די ערשטע שטומע ווייען . . .

אונטער הויכן, הייסן הימל,
אויף באַזונטע ברייטע וויטן
שוועבט מיין יוגנט אַ פאַרשייטע
אין אַ גאָלדן קאָרן־רעמל.

*

. . . אַ דאַנק אייך, וואַנדער־וועגן ברייטע !
פאַר מידע גלידער, וואַנדער־שטויב,
פאַר נעכט ביי פייערן, פאַר טעג צעזייטע,
פאַר שענסטע צייכנס פון מיין גאַנג —
אייך אַלע מיין געזאַנג !

יוגנט

אַ גאַנצן טאָג
אין רשות פון וועגן זיין,
אַ גאַנצן טאָג
נאָר ווינט אַנטקעגן האָבן,
און צווישן וועג און אַנוועג נאָר אַ שמאָלן גראָבן,
נאָר וויעס יונגע צווישן אויג און זונען־שיין —
וואָס קאָן אויף ערד
נאָך שענער זיין ?

***

די קריעה גייט —
און ברעגן נעמען ברייט
דעם וואַסער־יאָך
אויף אַקסלען ווייך באַוואָקסענע,
און לאָזעס בוקן זיך
פאַר זונען־פרייד . . .

און לאָזעס איינע וועלן די פאַרהיילטע דראַפּן
אין פרישן טייך באַנייען.
און איינע וועט עס אונטערשווענקען,
מיט וואָרצלען זיי פאַרכאַפּן
און פירן אין די וואַסער־לענגען . . .
נאָר העל איז זונען־פרייד!
אויף טייך אויף פרייען קריעה גייט!
און שטענגלעך בוקן זיך:
— מיר זיינען גרייט, מיר זיינען גרייט . . .

שטראָמען

געקומען איז אַ טאָג מיט פייערדיקן בליק
און אַלעמען זיי אָפּגעלאָזט די לייצן,
און אָנגעזעט מיט זיסן גליק
פון וואַקסן און פאַרפלייצן.
און אָן אַן אָפּהאַלט, אָן אַ צוים,
ווי גרינג איז לויפן, יאָגן, פאַלן,
אויף גריוועס טראָגן ווייסן שוים
און ברעכן הייסע שטראַלן,
און ענטפער קריגן אויף געריש,
און אין טאַבונען זיך באַהעפטן,
און טראָגן ברודערלעכן רויש
מיט נייער פרייד, מיט נייע קרעפטן! . . .

קאָרנבלי

קאָרנבלי — איר אויערינגלעך,
ניט קיין רינגלעך — צאַרטע הענגלעך,
ניט אויף אויער אויפגעהאַנגען,
ניט אויף סטויפּעס, ניט אויף שטאַנגען,
טעג געציילטע, נעכט געשענקטע
אויף אַ הערל אויפגעהאַנגען,
אויף דעם צאַרטן לייב פון זאַנגען,
קאָרנבלי מיט דופּט געדיכטן,
אָטעמען מיט דיר — הייסט דיכטן.

שניט

גיי איך אַרום מיט פאַרהייטלטע בליקן
אין כוואַליעס פון היץ.
אין זאַנגישע גאָלדן זיך טוקן
פלעקן פון ציץ . . .

ס'וויל קיינער ניט שטויבן אויף דרימל פון וועגן . . .
ס'וויל קיינער ניט פרעגן,
וואָס בויטע איך כוואַליעס פון היץ ?
וואָס זוך איך מיט הייטלעך אויף בליקן ? . . .
אין זאַנגישע גאָלדן זיך טוקן
פלעקן פון ציץ . . .

אין וועג

אָשר שוואַרצמאַנען

ס'איז העל דער טאָג, ס'איז שטיל די הויל
פון פעלדער ברייטע.
אויף ווינטן וואַרט אַ גראָזן־קנויל
מיט זוימען ניט צעזייטע . . .

אין טאָלן דאָרט שוין גרייט דער האַרבסט
דעם פייכטן זשאַווער . . .
אין קלאָרער רו זיי היינט, מיין האַרץ,
דעם העלן טאָג אַ חבר ! . . .

***

די נאַסע נעץ פון טריבער חשוון־צייט
האָט נאָך גאַנצפרי אַ העלע שעה געפאַנגען
און פאַר אַ פליגעלע אַ ווייס אין מזרח־זייט
זי אויפגעהאַנגען . . .
און ס'האָט מיין האַרץ געזען ביז טיפער נאַכט,
ווי העלע פעדערלעך האָבן הויך געפלאַטערט,
ווי וויעס העלע האָבן זיך שטילערהייט פאַרמאַכט,
פאַרשמאַכט, פאַרמאַטערט . . .

אַן עפּל

דו, ריינער לאָגל פול מיט ווייַן, מיט שנייאיק האַרטן,
ווי דורכזיכטיק, ווי דופטיק איז דיין דיבינק הייטל,
ווי מילד פאַרזיגלט ביסט מיט שטעמפּעלעך מיט צאַרטע
פוןביידע זייטן !

וואָס זאָל איך טאָן ? די ציין, דער גומען וואַרטן.
ווי זאָלן זיך די אויגן שוין צעשיידן
מיט אַזאַ גרוס אַ העלן אַ געגאַרטן
פון פרילינגס־פריידן ?

אַ ווייטער גרוס פון ווייטע בליטן,
פון ערדן־רויך מיט זונען־שטראַלן,
נאָר אַט די ציין — זיי וואַרטן, היטן . . .
אַ ביס — פאַרפאַלן . . .

האַרבסט

ד. בערגעלסאָנען

אין לאַנגן דויערן פון נאַכט פון טריבער
אײן טאָג דעם צווייטן
אין גראָווע פּאָלעס ברייטע
דעם קאַלטן טוי גיט איבער.

אַן אַלטער טויער לאָזט אַרויס
אַ הייפל שטילע רינדער
אויף בעטלערישן זוכן
אין אָרעמען אַרום.

עס שפּרינגט זיך דורך
פון הויז צו הויז
אַ באָרוועס בינטל קינדער,
און קאַלטע קאַליוזשעס זיך קוקן אום,
ווי פּיסלעך טונקעלע זיי מיידן אויס.
אַ ווינט כאַפּט אויס
פון מויל
אַ פריילעך קול,
אַ בייזן הוסט —
און ווידער שטום,
און ווידער הויל,
און ווידער פּוסט.
אויף טונקלען נאַקעט פון די פעלדער —
דאָרט, וואו אַמאָל, איצט וויבטן רייטן,
דאָרט, ווי אַמאָל, איצט וואָגלען ראָבן,
דאָרט אין אַ מיטן ליגט אַ גראָבן —
אַ הפקר־שוועל אין הפקר־ווייטן . . .

⁂

אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן אויף רוסישע פֿעלדער !
וואו קאָן מען זיין עלנדער, וואו קאָן מען זיין עלנדער ?

אַ פֿערדל אַן אַלטינקס, אַ סקריפּענדער שליטן,
אַ שליאַך אַ פֿאַרשנייטער — און איך בין אינמיטן.

פֿונהינטן, אין איינציקן ווינקל אין בלאָסן,
נאָך לעשן זיך טרויעריק טליענדע פֿאָסן.

פֿונפֿאָרנט פֿאַרשפּרייט זיך אַ מדבר אַ ווייסער,
און ווייט דאָרט צעזייט איז אַ צענדליקל הייזער —
דאָרט דרימלט אַ כוטער, פֿאַרזונקען אין שנייען . . .

צום יידישן הייזל פֿיל סטעזשקעלעך גייען.
אַ הייזל, ווי אַלע, נאָר גרעסער די פֿענצטער,
און צווישן די קינדער דאָרט בין איך דער עלטסטער.

און ענג איז מיין וועלטל, און קליין איז מיין רעדל,
אין צוויי וואָכן — איין מאָל פֿון כוטער אין שטעטל,

און בענקען און שווייגן פֿון פֿעלדער פֿון ברייטע,
פֿון וועגן און וועגלעך פֿאַרשנייטע, פֿאַרווייטע . . .

און טראָגן אין האַרצן פֿאַרבאָרגענע ווייען
פֿון זוימען, וואָס וואַרטן און וואַרטן אויף זייען . . .

אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן אויף רוסישע פֿעלדער !
וואו קאָן מען זיין עלנדער, וואו קאָן מען זיין עלנדער ? . . .

⁂

אַוועק דער שבת שוין . . .
אויף ווייטע שנייען
אַ גרויסער עמעצער
שיט גראָוון אַש . . .
אין קליינעם קלייטעלע
שוין וואַרטן צווייען:
אַ טונקל מיידעלע,
אַ שוואַרצע פלאַש.

די בייטש איז אויסגערוט,
דאָרט צווישן אויוון
איז זי מיט פינצטערניש
געדיכט פאַרשטעקט.
אַ נעפל־טישטעכל
האָט דאָרטן אויבן
דאָס לעצטע קוליטשל
שוין שטיל פאַרדעקט . . .

דער טאַטע האָט אָפּגעריכט
די דריטע סעודה,
און ווערט מיט טונקלקייט
מיט טיש פאַרוועבט,
און צווישן שוועסטערלעך
און שאָטנס מידע
אַ מורמל־פעדימל
זיך וועבט און וועבט . . .

די מאַמע זוכט אין שויב
אַ ווייטן שטערן,
און ניט געפונען אים
און זיצט פאַרטראַכט . . .
איך זינק אין אומעטקייט
און וויל ניט קלערן,
אַז ס'וואַרט די קו אויף מיר,
אויף היי, אויף נאַכט . . .

***

דאָרט איבער שטעט האָט שוין געקלונגען
פון שפּיץ פון טורעם אי איינס, אי צוויי . . .
אין תהום פון נאַכט, אין לאַנד פון שניי
איז איינס אַ דערפעלע פאַרזונקען.

ווי אינדזעלעך פון מענטשן־רו,
אין שטרוי פאַרהילט, אויף נאַכט פאַרוואָרעמט,
מיט שטאַל און פלויט אין שלאָף געאָרעמט,
פאַר הייזעלע אַ הייזל האַלט זיך צו.

די שטערנדיקע שטילקייט הערט זיך איין
אין שטילן אָטעם פונעם לעבן,
אין הייזל איינעם איז פאַרבליבן
אַ שטילע ראָד פון לאָמפּן־שיין . . .
די שלעפערדיקע ווינקלען הערן קאָם
פון טיש אַ שאָרכן פון בלעטער,
נאָר יונגע אויגן ווערן אַלץ ניט זעטער . . .
אַ בינטל ציטערדיקע יאָר
פאַרזונקען איז אין שטראָם פון צייטן,
אַ שאַרפער בליק — אין וויטסטע וויטן,
אַ יונגער גייסט — אין וועלט, אין גאָר . . .
עס שטאַמט מיין מוט פון יענער נאַכט,
פון יענער נאַכט — מיין שטאָלצער טרויער,
כ'האָב איינזאַם פריי שוין דאָן געוואַכט
ביי לעבנס־טיר, ביי וועלטנס־טויער.

בערג (1912)

⁂

אַ רוישנדיקע גאַס אַרויף אַ באַרג,
פון מענטשן, פערד און רעדער אַ געווימל,
אַ הויכע שטיק סוף־זומערדיקן הימל —
וואָס דאַרפסטו נאָך, וואָס איז דיר קאַרג?

דעם רוישנדיקן טאָג, וואָס יאָגט פאַרביי,
האָסטו ביז נאָר ווי אַ קינד צו קוקן
אין פּנים גלייך, אין שוועבנדיקן רוקן.
הייב אויף דעם קאָפּ, ביסט איינזאַם־פריי.

אַן אַנדער לעפל לופט פון הימלשן געצעלט!
אַ צווייג אַן אַנדערע פאַר נעסט פאַר דיינעם!
צי איז דאָס ווערט זאָלסט וועגן דעם גאָר טענהן
מיט גאָרער טרויעריקער וועלט?

פאַרוואָס, זאָג, אויף דער וועלט דאָ גיסטו אָפּ
דעם מינדסטן ריר פון האַרץ פון בלינד־פאַרשייטן?
אין־איינציק הערעלע פון ווילדן שייטל
פון דיין אַנטפלעקטן שטאָלצן קאָפּ? . . .

1912

⁂

פון בערג גייט אַ שטורעם.
דאָרט פּאָכעט מיט פייער
אַ מעכטיקער אָרעם
אויף קנויליקע הויכן,
און טרייבט אין די הײלן
דעם חושך פון וועלט!

אויב דו ביסט אין שטילקייט,
איז שטילקייט מיר טייער . . .
נאָר ס'ציט מיר אויך שטורעם,
און פייער אין רויכן,
און ענגקייט פון הײלן,
און חושך פון וועלט! . . .

1912

⁂

דעם נסתר

איך שטייג שוין דאָ צוויי טעג —
איך העלף שוין קאַם דעם וועג
זיך דראַפּען אינדערהויך.

פון אונטער יעדן שטיין
מיר ווינקט מיט קילן חן
אַ שטיקל אינדערפרי —

באָר ס׳שטייט די זון שוין הויך,
און יעדער שפּאַן איז מי . . .

און יעדער שפּאַן וואַרפט אָפּ
דעם שווינדיקן „אַראָפּ״
און נאָך אַ פולן גליד,

און יעדער שפּאַן וועקט אויף
דעם שטייגנדיקן „אַרויף״
מיט יונגער, גרינער קני, —

איך וועל אין שטילן טאָל
דערציילן נאָכאַמאָל,
דערציילן אינדערהויך,

אַז כ׳האָב צוויי יונגע טעג
געהאָלפן דאָ אַ וועג
זיך דראַפּען אינדערהויך . . .

1912

***

אין הימל־רוים
צעגייט און ווערט שוין בלאַס
דער לעצטער זוים,
דער גליענדיקער פּאַס . . .

אַ בינטל ווענטעלעך
פון איבער באַרג
זיך גנבעט שטיל
אין ברייטן טאָל . . .
נאָר ביימער איז דאָ קאַרג
פאַר אַלע מיטאַמאָל —
און ס'ווערט אַ לאָדעניש,
און ס'ווערט אַ שפּיל
פאַר יעדער צווייג,
פאַר יעדער בלאַט, —
און איך, איך מיש זיך ניט — איך שווייג
אין טומלדיקער רו . . .
איך הער זיך צו . . .

1912

אין אַרמעניע

איך האָב געפרעגט דעם וועג אויף פרעמדער שפּראַך,
און איילבירט־אויגן האָבן זיך פאַרוואונדערט:
זי האָט פון איריקע מיך גאָרניט אָפּגעזונדערט —
כ'בין ברוין און שטייף, שוואַרצאויגיק איר צוגלייך.

און איילבירט־אויגן מיך באַגלייטן
פון שטילער טיר פון אָפּגעקאַלכטן הויז . . .
אויף טונקלען טאָל מיט קנייטשן ברייטע
דורך שמאָלן געסל פירט די שטאָט אַרויס.

פונאונטן — אַלאַגיאָז * אין בלויע שנייען!
אָן דעכער הייזעלעך, ווי אָפּגעברענט,
מיט קיזיקעס באַקלעפּט די גרויע ווענט
און שאַכטלעך קיזיקעס ביי פלויטן שטייען!

1912

---

* אַ באַרג אין אַרמעניע

⁂

Мы ночевали
на казачьих постах.
Пушкин.

און ס'איז מיין פּיין פֿאַר מיר דערמיט באַרעכטיקט,
און ס'איז דערפֿאַר מיין בענקשאַפֿט אָפּט מיר זיס,
עס האָט זיין קאָפּ דאָ אויף דעם באַרג געגעכטיקט,
עס האָבן אָט דעם וועג באַטראָטן זיינע פֿיס . . .

פֿון צאַרטער יוגנט דאָרט אויף פֿעלדער־ברייטן
שוועבט שטענדיק איבער מיר זיין פֿרייער גייסט,
זיין רו זיין ליכטיקע מיין קאָפּ באַקרייזט
אין טריבער שעה פֿון צער און קנעכטן־ליידן . . .

דאָ, צווישן גלאַנץ פֿון בערג און שרעק פֿון היילן,
מיין גייסט באַהערשט זיין ווילדע הייסע פֿרייד —
אַ קנעכט — אַ האַר, און וויל זיין פֿרייד דאָ טיילן . . .

עס זינגט מיין האַרץ פֿון הייסער פֿרייד!
איר זייט מיר נאָענט, איילבירט־אויגן, בערג און שנייען,

איר, צעלטן קנעכטישע, איר שטומע ווייען
פֿון אַלטער אָרעמקייט און דורות־לייד.

1912

⁂

אַ פירעק־שאָטן ליגט פון טונקלער וואַנט.
אַ בלינדער אָרעמאַן באַויצט דאָס שוואַרצע רעמל.
ער זינגט. פון אייביק אָן איז אויסגעשטרעקט זיין האַנט,
און קיינער טרעט דאָ ניט, און ס'הערן איך און הויכער הימל.

אַרמעניע! דאָרט אין וואַלין, אין שטיל פון קליינעם צימער,
פון צאַרטער שאַגיניאַן האָב איך געהערט דיין ליד.
איך הער זי אין דיין הימ, און העלער קימער
אין יונגן האַרצן מיינעם גליט.

עס קלינגט דיין ליד, אין מיר מיין בענקשאַפט קוועלט,
מיין בענקשאַפט איז פון איר נאָך עלטער.
איך בין אַ גר אויף דיינע שמאָלע פעלדער,
אַ תושב אין דער גאָרער וועלט.

1912

***

מיין זון הילקען געשענקט

אויפן וויינקעלער פון פירשט *N*, ביים וועג צווישן אַלופּקע און מיסכאָר איז פאַראַן אַן אויפשריפט: "in vino veritas" — „דער אמת איז אין ווייַן". ויין ישמח לבב אנוש (תהלים קד. טו). „און דער ווין דערפרייט דאָס האַרץ פון מענטשן".

ווייַן, ווייַן, אַלטער ווייַן.
ווייַן פון פלאַמיקן גערעכט
(אָנהייב פון ליד „גערעכטיקייט").

1

. . . מיר גייען קיין מיסכאָר, מיר גייען פון אַלופּקע.
דער הויכער וועג איז שטיל, עס רוט דער דינער שטויב.
איי־פּעטרי שטייט אין רויך, דער ים פונאונטן טויבט, —
פוןביידע זייטן ביידע קינדער מיינע טופּקען . . .

ביים וועג — אַ הויז, עס שמעקט מיט ווין דער ווייסער מויער,
און פעסער ריזיקע אין הויפנס רוען שטום,
אין ברייטן קעלער ווייניק רופט אַ רויטער טויער
די שטילע לופט, דעם גאַנצן בערגיקן אַרום.
אויפן ברייטן שיכורן פראָנטאָן פון טונקלען קעלער,
האָט פעסט דער פירשט, דער ווינשענקער, פאַרשריבן—גאַנץ נאָך היינט
"in vino veritas" — דער אמת איז אין ווייַן,
און „אָמן" זאָגט די לופט, און ערד און הימל קוועלן.

2

און אויב דער אמת איז אין ווין, איז ניט אין דעם —
איך ווייס אַזוי: דער ווין דערפרייט דאָס האַרץ פון מענטשן,
און פרייד — זי בין איך גרייט אין יעדער רגע בענטשן —
און ער, דער אמת, איז אין ווין, נאָר ניט אין דעם.

מיט יאָרן דריי צוריק, אין טעג פון גרויסע שטרייטן
קיין מאָסקווע כ'האָב דיזעלבע קינדערלעך געבראַכט,
אין אַ הויז, וואו, מעגלעך, ס'האָט דער פירשט, דער
וויינשענקער, געלאַכט
און האָט געזויפט דעם ווין פון דרום ווייטן.
אין פוסטן צימער איז דער צווייטער זון, דער פינפיאָריקער, אריין,
די פרעמדע ווענט באַקוקט און פלוצים אויסגעשריגן:
„ווין, ווין, אַלטער ווין!"
— — — — — — —

אָט יענער ווידערקול האָט איצט צו מיר דערגרייכט,
און אָט דעם ווידערקול אַנקעגן
אָט דאָ דערזאָג איך היינט:
„ווין פון פלאַמיקן גערעכט! . . . "

מיר גייען קיין מיסכאַר, מיר גייען פון אַלופּקע.
דער הויכער וועג איז שטיל, עס רוט דער דינער שטויב,
איי־פּעטרי שטייט אין רויך, דער ים פונאונטן טויבט, —
פון ביידע זייטן ביידע קינדער מיינע טופּקען . . .
1924

שניר (1919)

⁂

איך בין געוואוינט
צו דיינע גרוסן, ווייסער צפון ! . . .
איך האָב געבלאָנדזשעט לאַנג
אויף הויל פון ערד,
געהערט,
ווי ווייטן וויגן זיך,
ווי ווייטן ווערן איינגעשלאָפן . . .
אין גרויער מיט
פון האַרבסטן פעלד
האָב איך געקוקט,
ווי קאַלטער טוי
פאַרפערלט שטיל
דעם טונקלען שניט
פון רערלעך דיבינקע
ביי אַלטער שטרוי, —
איך האָב פון עק פון נידעריקן פלויט
פאַרטרויט
מיין בליק
דער גרויסער וועלט . . .
און ווען דער האַרבסט
מאַכט קאַלט און ברייט דעם הימל, —
אַ פרעמדער בלאָנדזשע איך
אויף רוישנדיקע גאַסן.
פון הויכע מויערן פון ראַנד,
פון ביידע זייטן,
די פלאַכן די געבראָכענע
פון ברייטע דעכער אינדערווייטן
ניט זיינען ברייטער מער,
ניט זיינען העכער
פון פיצלעך אַלטן פלויט
אין מיט פון גרויען פעלד . . .
איך האָב אַמאָל, נאָך קינדערווייז
(ווי לאַנג איז דאָס געווען ?)
פאַרטרויט
מיין בליק
דער גרויסער וועלט ! . . .

⁂

דער לעצטער בלעטער־פֿאַל ! . . .
און יעדער שפּאַן
מיך פּירט אין טיף פֿון האַרבסט . . .
און ווידער רופֿט
און מאָנט דאָס האַרץ
מיט ווייטע אויסוועלטן זיך העפֿטן . . .
דער פֿאַרקן ריכט מיין וועג,
און יעדער ראַנד
פֿון שטיין, פֿון אייזן
דערציילט דער וואַרעם פֿון מיין האַנט
מיט קאַלטע שטעכיקע באַווייזן,
אַז צווישן שוועסטער־קרעפֿטן
אין גרויסער וועלט,
דאָרט העכער צוים און העכער ריגל,
אין לופֿטיק־שטאָלענעם געפֿליגל,
דאָרט לויערט זי,
די אומפֿאַרשטענדלעכע,
די אומבאַגרייפֿלעך־וויסטע קעלט . . .
נאָר דאָ איז שטיל,
נאָר דאָ איז גרינג
אויף נאָך אַ זונען־גאַנג פֿאַרהילן
דעם קאָם פֿאַרדרימלטן,
דעם קאָם געשטילטן ווילן . . .
ער וואַרט
אויף נייעס, אויף ווידער נייעס,
אויף ווידער ערשטן,
אויף ווידער פֿלאַמיקן געניס . . .
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
וואו ביסטו, נייער קוואַל
פֿאַר בייער דאָרשט פֿאַר מיינער ?
— — — — — — — — — —
דורך הוילן שפּיץ פֿון בוים,
דורך קריץ
פֿון שוואַלבן־פֿלי אין בלויען רוים
איצט שיק איך דיר מיין בענטשנדיקן גרוס ! . . .

⁂

דאָרט ערגעץ זוימען זיך שוין ווייטן
מיט שווערן שלעפּ פון טונקלען גרוי,
נאָר דאָ איז העל אַזוי,
נאָר דאָ איז אַזוי לויטער!
דאָרט אינדערזייט,
אין טויטער פּוסטקייט פון דעם הימל,
נאָך גליט די זון
מיט געלע לייוונטן פון פעלדער
(שוין באַנומענע),
מיט העלע פייערן
פון יונגע וועלדער,
מיט שטאָלן־בלויע פּאַסן טייך
געזעגנט זיך די ערד
מיט קלאָרן קעניגרייך
פון שווייגנדיקן רוים . . .
מיט רו
באַחנט איז איר געזיכט,
און ס׳ריזלט נאָך
אין יעדן קנייטש
די צאַרטע ליכט
פון בלאַסן שמייכל,
אַ דאַנק
נאָך צאַנקט
אין האַלב־פאַרשמאַכטן בליק . . .
ער איז געווענדט
צו אויסגעווייסטע ווענט
פון מענטשן־וואוינונגען,
און ס׳שיינט
אין קלאָר
פון לעצטן טאָג
איר מוטערישער זאָג:
— פאַר מיר גענוג,
און אַלעמען בין איך היינט מוחל,
זון!
אין פולע שייערן
פראַכטמלט איז דיין גליק.

— — — — — — —
— — — — — — —

אין טעג פון אַלטער קעלט
אויף דיינע ווייטע גרוסן,
אין שטיל פון אינדערפרי
וועלן ענטפערן דיר הויכע רויכן,
און יונגע באַקן
וועלן רייצן אים, דעם גראָוון פראָסט,
מיט רויטן הייסן בלוט,
און בליקן אויסגערוטע
דורך טרערן קלאָרע
וועלן פון אים שפּעטן
מיט פרישער מוט . . .
פאַר מיר געניג:
ס'איז יעדער שטאַם
שוין טיף באַטרונקען
מיט שטאַרקן זאַפט
און רייך און איבערייך באַהאַנגען
מיט זאַט . . .
איך קאָן שוין רואיק ליגן
מיט וואַסער־אָדערן פאַרקילטע
אין ווינטער־דעקן פעסט פאַרהילט . . .
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
און וועט אַ וואַנדערער,
אַ שטילער און אַ גלויביקער,
אַמאָל אין נאַכט זיך לאָזן
איבער שנייען־פלאַכן
און וועט זיין עלנט שלעפּן איבער פעלדער,
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעשפּילן,
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעלאַכן:
„ער וועט עס אומברענגען,
ער וועט עס אומברענגען
זיין ביסל וואַרעמקייט
אין קעלט אין אייביקער . . .״
און ער וועט גיין,
און ס'וועט זיין שאָטן מיט באַדויערן
אים וואונקען,

און ער וועט גיין
און וועט אין שלאָף
אַלץ מער און מער פֿאַרזונקען —
— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

וועל איך אַ צי טאָן אים
מיט צוג
פֿון מײַנע ווײַטע, ווײַטע, נאָך צעגליטע טיפֿן,
און ער וועט פֿאַלן . . .
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעהוליען,
און שנייען וועלן אים פֿאַרהילן,
און כ׳וועל צו קאַלטער ברוסט
אים טוליען, טוליען . . .
— — — — — — — — —

און ערגעץ וועט אַ ווינט
מיט פֿרעמדער צווייגן־האַנט
אַ קלאַפּ טאָן אין אַ וואַנט,
און ס׳וועט אַ האַרץ אַ נאָג טאָן,
און ערגעץ וועט אַ קינד
זיך פּלוצים־דרין צעשרייען
און ס׳וועט אַ פֿייער טאָן אַ פֿינקל
אין ווייט פֿון פֿינצטער־טיפֿן,
און מוטערישע אָרעמס,
וואָס טראָפּנס שלאָף פֿון זיי נאָך טריפֿן,
וועלן בלינד דאָס קינד געפֿינען
און צו דער פֿולער ברוסט
עס טוליען, טוליען . . .
— — — — — — — — —

⁂

אויף ערשט פאַרהאַרטעװעטער ערד
אין פרי אין פראַסטיקן
צום ברונעם שפּאַנען ! . . .
און פּלוצים־דרין דערשפּירן :
ס׳איז גאַר נאָך ניט פאַרװערט !
פאַראַן נאָך מוט, פאַראַנען
אין װעלט אין אײזיק־ראַסטיקער,
און לאָזן לױפן זיך אין טאָג אין פרײען,
און שפּירן :
אַ טאָג אַ שטאָלענער, אַ שפּאָגל נײער,
אַ האַרץ אַ יונגס,
אַן אײזערנער, אַן אַלטער עמער —
זיך שפּילן אַלע דרײען
מיט יונגע קלינגענדיקע טענער ! . . .
מיט שטײפער האַנט
דעם ערשטן אײז צעקלאַפּן,
אַרױסרײסן אַ שטיקל טיף,
און זען און הערן,
װי טראָפּנס קלאָגן זיך און װערן,
און יאָגן זיך,
װי שװאַרצער טריף,
אַהין צוריק . . .
אין דעם איז אױך פאַראַן אַ שטיקל גליק ! . . .
און מיט אַ צענדליק יאָרן שפּעטער,
אין טעג פון פּײן, פון צער און צאָרן,
אין סוף פון נאַכט פון שװערער װערן פּלוצים װאַך
און אױסציִען די אָפּגעקילטע גלידער,
דעם שטומען צימער ניט דערקאָנען,
און הערן, הערן לאַנג,
װי ערגעץ דאָ ניט נאָענט און ניט װײט
פאַרהערן זיך קאַנאָנען, —
װי ס׳שפּראָצט אַ טאָג אַ נײער דאָרן . . .

און אין דער רגע זיך דערמאָנען
אין יענעם פראָסטיקן און קלינגענדיקן מאָרגן . . .
אין אָט דעם פּיין איז אויך נאָך גליק פאַרבאָרגן,
און יעדער אויפגעוואַכטער גליד נאָך זאָגט :
— איך וויל ניט שטאַרבן !
און מיט צעשפּרייטע פליגל קניט דער גייסט
פאַר שוועבנדיקער קייט פון צייט !
אָ, לאָזט מיך, רינגען, זיך פאַרקאַרבן ! . . .
איך ווייס נאָך ניט וואוהין איר ציט,
איך ווייס נאָך ניט פונוואַנען !
נאָר ס'איז אַזויפיל זיסע לייד פאַראַנען
אין אייער גרויסן ציען —
איך וויל מיין ווייט נאָך ניט באַשרענקען ! —
איך וויל נאָך דענקען,
איך וויל אין רעש פון קראַכן שטיל זיך מיען,
איך וויל אין פּיין
נאָך גליען,
גליען . . .

פרימאָרגן

ס׳האָט אָנגעוויט
פון שנייעלעך אַ באַרג —
אַ באַרג
פון שניי
פאַר שוועל פון נייעם הויז פון מיינעם.
און קלאָרער הימל
באַפּערלט
יעדן נאָדל־שטאָך
אויף שניי,
אויף האָפּט,
וואָס לופט און וואַסער
(די פּשוטסטע, די קלאָרסטע נעמען
אויף דער ערד)
אין שפּיל פון ווינטערדיקן טאָג
דאָ האָבן פליענדיק באַשאַפן,
און ס׳ווייסן זיך די ווענט פון ווענט מיינעם,
און ס׳ברייטערט זיך מיין האַרץ
דורך גלאַנץ דורך וואַרעמען
פון מיין שוואַרצאַפּל . . .
פון שנייעלעך אַ באַרג
אַ בערגעלע אַ קליינס,
אַ ווייסער הויך,
אויף אָטעם פון מיין קלאָרער טיר.
און דאָרטן שטייגן זיי, די בערג,
די קנייטשן פון דער ערד,
און מאַנטלען שנייאיקע זיך גליטשן פון די אַקסלען.

⁂

פאַרלאָז די שוועל, אַרויס אין דרויסן —
הער, אין שטילעניש אין גרויסער
פאַלן שנייען . . .

הער, אין שטילעניש אין טיפער
שווייגנס פליסן, שווייגנס טריפן
שטומע ווייען . . .

ווייסע גלאַנצן, קאַלטע שטראַלן
שפּינען אויס אין זייער פאַלן
נעצן טרויער.

שטעל זיך שטיל ביים דאָרפס צוקאָפּנס,
הער, ווי ס'וואַרט אויף מענטשנס קלאַפּן
טיר און טויער . . .

אין פאַלן

. . . אַ וואָלגער
און ווידער אַ וועלט איינגעפאַלן,
פאַרפאַלן אַהינצו,
אין אָפּגרונט פון ליידן פון דיינע —
און שאַ . . .
— — — — — — — — — —

און אפשר דיין וועלט איז אין וועג נאָך ?
— — — — — — — — — —

אָ, אָפּגרונט !
איך מאָן ניט, איך פרעג נאָר —
איך ווייס שוין פון לאַנג, פון לאַנגאַנעץ,
וואָס הייסט מיט דיר טענהן,
וואָס הייסט ביי דיר מאָנען . . .
— — — — — — — — — —

איך שטיי דאָ פונאויבן
ביים זוים פון דיין שלונג פון דיין שוואַרצן,
איך קני דאָ,
איך שפרייט מיינע הענט אויס
צו פוסטקייט צו קאַלטער און שטומער . . .
ס'וועט אפשר נאָך קומען
אַן אָפּקלאַנג פון פאַלן,
פון וועלטישן פאַלן,
אויף איינעם אַ סטאַרטשנדן קנייטש ביי אַ זייט־וואו
אַן אָפּקלאַנג אַ טויבער,

אַ ווייטער . . .
פאַר דיר דאָ,
פאַר שטייען,
פאַר קניען
מיט הענט אויסגעשפרייטע,
וואָס קאָן ער באַטייטן ?
— — — — — — — — — —

וואָס ביסטו אין שטאַנד נאָך ?
דאָס שענסטע,
דאָס ריינסטע,
דאָס גרעסטע —

פון ווייען, פון ליידן
נאָך קענסטו
באַקומען
אַ שנירעלע שורות
געריימטע,
געפּרעסטע,
אַ שנירעלע שורות אויף בלעטל צעקנייטשטן,
פאַרוואַלגערט דאָרט ערגעץ
אין ריזיקע קוישן פון יאָרן!...

— — — — — — — — —

געדענקסטו,
האָסט ענלעכעס עפּעס געזען דאָך
אין קינדערשע יאָרן אין צאַרטע?

— — — — — — — — — — — — —

... אין שטיינערנע הויפן
ביי מיסט־הויפנס גרויסע,
אין קאַסטנס פאַרשפּאַרטע
(מיט קרעציקע קעץ,
מיט פאַרוואָגלטע הינט,
וואָס זיך גריבלען פון אויבן),
ביי קאַסטנס אַזוינע
אויף ראָסטיקע, ברודיקע שטיינער
אָפט צווען
אַ שנירעלע בלוט־טראָפּנס העלע און ריינע...

— — — — — — — — — — — — —

ביסט שטענדיק פאַר זיי דאָן געשטאַנען
אין וואונדער אין שטומען...
פאַר האַרצן פאַר דיינעם
געוועזן איז אַלצאיינס נאָך,
ווער האָט זיי פאַרלאָרן,
פונוואַנען אַהערצו זיי קומען...
און אויבער
עס וועט דיך באַגליקן
און זיין וועט דיין ליד אַזוי הפקר און זויבער,
ווי בלוטיקע טראָפּנס
אויף שנייען פון וויטן סיביריען...

עס האָט זיי באַוויזן צעזייען
אין לעצטע מינוטן
אַ פּיקסל פון צפון, אַ היטל פון שנייען . . .
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
געדענקסט, ווי עס שטאַרבט אַזאַ פּיקסל,
וואָס האָט נאָר איין חכמה געקראָגן —
פאַר הימל,
פאַר לייטן
אַ הייטל אַ פּוכיקס, אַ ווייסינקס
אין ווינטער אין וויטן צו טראָגן . . .
געדענקסט, ווי עס שטאַרבט אַזאַ פּיקסל . . .

שאַרף איז דער בליק ביי דעם פעלדישן יעגער,
ער זעט עס, דאָס פּיקסל,
נאָר פאַרט אין אַ זייט נאָר.
ער וואַרפט פריער אָנעט אין וויטן
אַ קרייז גאָר אַ ברייטן . . .
און פּיקסל ווייסט איינס נאָר —
מיט פעלעכל ווייסן
צו ווייסקייט פון פלאַכן
זיך בויגן, זיך טוליען . . .
אַ קרייז נאָך אַ קרייז,
און אַלץ שמעלער און שמעלער,
און ס׳שטעקן שוין שפּיזלעך פון פחד
ביי פּיקסל אין אויגן —
און וואָלט עס שוין וועלן,
דאָס ווייסינקע פּיקסל,
זיך רייסן
און לויפן —
איז איצטער שוין שפּעט דאָ עפּעס באַוויזן . . .
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
און שאַרף איז דאָס אויג ביי דעם פעלדישן יעגער,
געטריי איז זיין ביקסל . . .
און טרעפט ער
אין קאָפּ ניט,
אַהין, וואו געהער איז —

אין מיט
צווישן שלייפן,
אין שניט
צווישן אייגעלעך שוואַרצע —
דאַן טרעפט ער
אין האַרצן! . . .
— — — — — — — —
נאָר טרייסט איז פאַר קיינעם
אויף ערד ניט פאַרבאָטן!
פאַר פּיקסל אַזוינעם,
וואָס האָט ניט געוואָלט
און האָט פאָרט זיי צעשאָטן,
די בלוטיקע טראָפּנס
אויף זויבער פון שנייען,
איז אויך נאָך אַ טרייסט דאָ פאַראַנען. —
— —
עס קאָן זיך נאָך טרעפן,
איין גאָט ווייסט פונוואַנען,
זאָל קומען
אַ גייער, אַ זוכער,
אַ טרוימער, אַ שפּאַנער,
וואָס ציט דורך זיין רייזע
דורך פעלדער דורך ווייסע . . .
עס קאָן זיך דאָך טרעפן,
אַז מענטשלעכעס האַרץ זאָל זיי טוליען,
די בלוטיקע ווייען,
אַז מענטשלעכער בליק זאָל זיי איינציקוויַיז קלייבן
פון זויבער פון שנייען,
די טראָפּנס די רויטע . . .
דען איז עס קיין טרייסט ניט? . . .
נו, זאָג־זשע, נו, בויג־זשע דעם קאָפּ אָן, זיין מודה!
אַ טרייסט אַזאַ איז איצט דאָס גרעסטע
פאַר דיר און פאַר פּיקסל געמיינזאַם . . .
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אַ, אַפּגרונט!
אויב דאָס איז דאָס גרעסטע,
וואָס קאָן שוין דאָ קליין זיין?
— — — — — — — — — — — —

1919

א. פיאַטיגאָרסקע געשענקט

שיט אַ שניי,
שיט און שיט,
ס'איז שווער, אוי, ווי שווער,
אין ווערטער פאַרנאַרן,
אין ווערטער פאַרפירן
דעם גאַנצן געלויף פון אַ שטאָט,
דעם ציטער פון טויזנטער הערצער,
רויע, און ווילדע, און צאַרטע, און שטילע,
אָט הייס און אָט שאַרף, ווי אַ שטאָלענער שניט,
אָט קאַלט ווי דער שניי,
שיט אַ שניי, שיט און שיט.

פון העלע וויטרינעס
קוקן ביכער אַרויס,
און די וועלט, ווי ז'איז רוי, ווי ז'איז ווילד, ווי ז'איז גרויס,
ווערט מיר מילד, ווי אַ מוטערשער שויס.

ערגעץ דאָרט גאָרניט ווייט,
ערגעץ דאָרט אויף איטאַליעס ראַנד . . .
ערגעץ דאָרט האָט אַמאָל נאָך אַ שייטער געברענט,
און דער ווינט האָט געטראָגן דעם ריח פון ביטערן בראַנד
און פון מענטשלעכן ציטריקן לייב.
אָ, ס'איז גוט, וואָס אויב יאָ ס'איז געווען —
איז אַמאָל דאָס געווען.

אַך, ווי גוט, וואָס ניט אַלץ דאָ פאַרבלייבט,
פון דעם פינצטערן דור
אַ פּאָר ציטריקע נעמען פאַרהיט.
שיט אַ שניי, שיט און שיט,
שיט אַ שניי —
ס'איז געבליבן אַ וואָרט: גאַליליי . . .

און מיין זון גלויבט מיר גרינג אויפן וואָרט,
אַז מיר טראָגן זיך שנעל מיט דער ערד
אַרום זיך, אַרום זון,
און אַרום, און אַרום און אַרום
אין באַוועגונגען ניין . . .
ער שרייבט מיר פון קיעוו
(געזונט זאָל ער זיין !)
מיט שיינע, מיט קינדערשע גענג,
און באַשטימט אי די ערדישע ברייט, אי די לענג,
וואו זיין קינדערשער פוס איצטער טריט.
שיט אַ שניי, שיט און שיט,
ערגעץ וואַקסט, ערגעץ בליט.

בערלין, 1922

שנייען

אַ, ווייסע ימען־פרייד!
דו, יאָג פון ווינט,
דיין פענט פאַרטייע,
פאַרלויף אַהין
אין וויַיטן קרייז,
אין ווייסן קעניגרייך פון ווינטער אייביקן,
וואו איבער אייז און שנייען שפּאַנט דער טאָג
אַ נע־ונד, אָן וועג, אָן צייכן פון אַ היים, —
אַהין פאַרלויף און דאָרט פאַרגיי.

מיין הויז אין שניי

דערווייל פון האָלץ
מיט קליינע קיילעכדיקע שטעך פון אייזן,
נאָר גרינג איז מיר צו זען,
אַז שטיין שטייט מיין הויז
אין מיט פון ערד,
און גרינג איז איבער ליכטיקן אַרום
אָן פערד, אָן שניי־שיף פּלינקע,
און שטענדיק אינדערמיט
צו יאָגן זיך אויף שטילע קלאַנגען,
אַ פרעג טאָן ביי דער הייך:
דו ווייסט, אַז כ'בין דאָ אויך?
דו ווייסט: מיין הויז (דערווייל פון האָלץ)
אַן אָנהייב איז פון כישופדיקן ישוב,
אַ צענטער פון אַ ברייטן קאָן.
ס'וועלן הייזער אויפקומען דאָ שטאָלץ
פון אייזן, פון בעטאָן,
אַ סך, אַ סך,
עס וועט דאָ זיין אַ שטאָט — אַ קראַך!

נייע אַנונג

רויטער מאַן

דוד שוואַרצמאַן געשענקט

איינער פון די לייט־מאָטיוון אין סאָוועטישן באַלעט.
„רויטער מאָן" איז די מעלאָדיע פון דער ליד.

Яблочко, яблочко, куда ты котишься!

אין גאַנץ אויסלאַנד גייט אַ פינצטערע
העצע קעגן ראַטנפאַרבאַנד
(פון צייטונגען, מערץ 1930)

1

א גוטער מאָרגן דיר,
מיין פריינט,
אַ גוטער מאָרגן אייך,
חברים ליבע!
כ'באַגריס אייך אַלע היינט.
מיין גרוס מיין הייסן
שיק איך איבער
מיט אַלע וועגן, וואָס איך ווייס נאָר:
דורך לופט, דורך דראָט, דורך מאַגנעט אין עפיר
(און אפשר שרייבן עטער),
דורך פרישע שורהלעך אויף בלעטער,
אויף אונדזער פשוטן און ליבן
סאָוועטישן פאַפיר . . .

מיין טאָג היינט הייבט זיך אָן
מיט אַ מאָטיוו פון „רויטן מאָן".
פאַראַן ביי אונדז אַזאַ באַלעט
(איר גייט און זעט);
אַ ציכטיקער באַוויז,
אַז אויך אין דעם,
וואָס איז שוין אַלט און גרייז,
קען אויפשטראַלן אַמאָל אַ נייע שיין.
אין לאָגלען אַלטע
(פאַרזיכטיק פאַרשטייט דאָס!)

קאָן מען, הייסט עס,
גיסן בייעם וויין.
ווער ס'האָט אים ניט געזען, אָט דעם באַלעט,
ווער ס'האָט זי ניט געהערט, אָט די מוזיק,
זאָל מיין וואָרט אַ שטיקל פאָרשטעלונג אים געבן.
פאַראַן איין ניגון דאָרט,
וואָס איז אַ ווערק די ווערט.
אַ ניגון אַ פשוטער, אַ פּראָסטער גאָר,
אַ הוילער ניגון,
הויל ווי יענע יאָרן,
ווען ער איז אויפגעקומען.
איז לאָזט זיך אויס,
אַז אָט דער ניגון איז אויך טיף,
טיף, ווי יענע פעסטע איינגעווײדן,
וואו ער איז געלעגן,
וואו ער האָט געוואָרעמט זיך
אין די ברוסטן פון די מענגען.
הייס און גרויס,
ווי יענער ברויז,
מיט וועלכן ער איז אויפגעשוואומען,
אויפגעשוואומען, אויפגעשוואומען,
און צעשפּרייט זיך אינדערלענג
און אינדערברייט
אין דעם גאַנצן לאַנד,
איבער אַלע טיילן פון דער גרויסער ערד,
און דערנאָך אַריינגעדרונגען
אין די דינע סטרונעס פון די פידלען, פון די טשעלאָס
אין די רערן פון קלאַרנעטן,
וואָס איינצייטיק אי זיי הויערן, אי גלעטן —
אַלץ אינאיינעם,
וואָס זיי פרישן און פרייען
אַלע ריסן, אַלע ווייען,
וואָס זיי טרויערן און וויינען —
אַלץ צוזאַמען,
אַלץ אינאיינעם,
אי פאַר אַלע, אַלע,
אי פאַר יעדן איינעם

אַט דער ניגון האָט צעשטעקט זיך
אין די טאַצן, אין די פּויקן, אין די גלעקלעך,
וואָס אויף אַלע שטרעקעס
זאָגן אָן אַ נייעם אָנקום,
זאָגן אָן אַן ענדערונג,
אַן ענדערונג אַ נייע,
ווען באַזיגטע נויט וועט ווערן
פֿרייהייט, פֿרייהייט! . . .

2
יעדע זאַך
האָט איר תּוך,
האָט איר רוים.
יאָ, ס׳איז גוט,
וואָס שוין ווייט
איז די צייט,
ווען געווען איז אַלץ
בלויז בראָך,
בלויז בלוטיקער ברויז,
בלויז שוים.
נאָר אָפֿט נאָך קומט צו
אויף דעם נשמהדיקן גומען
דער טעם פֿון יענער צייט,
אָ, גוט, וואָס זי אַליין,
די צייט אַליין איז ווייט.
איך ווייס דעם טעם פֿון גרויסער נויט,
איך ווייס, וואָס הייסט:
זאַלץ אָן ברויט,
און ברויט אָן זאַלץ.
און טענץ
אויף אייגענעם תּל־תּל.
איך ווייס דעם טעם
פֿון גרויען,
פֿאַרבלוטיקטן שינעל.
דערפֿאַר
איז שיין אַזוי און העל
דער שווערער קלאַנג

פון בויען,
דערפֿאַר איז גרינג
אינמיטן אינדערוואָכן
פֿאַרטרייבן
אַלע „אָכ"ן,
אַלע „אוי"ען,
און אויף יעדער קללה פֿון דער זייט
און אויף יעדן שטיין פֿון יענער זייט,
וועלכער צילט אין אונדזער לאַנד,
איז גרינג אַ זאָג טאָן פֿעסט:
געדענקט!
מיר הויבן גאָרניט אָן פֿאַרגעסן.
ס'איז איר פֿאַרגעסט!
איר מעסט מיט אייער רויבערישער האַנט,
און מיר געדענקען גוט
דעם גאָב, וואָס איר האָט אונדז געשענקט . . .
איר ווילט, מע זאָל צו אייך אַהיים זיי ברענגען,
אַ יענע וואָגיקע באַווייזן
מיט רויך און בלוט,
מיט פֿייער און מיט שווערדן?

איז בעסער קומט צו אונדז און הערט
דעם נאָגנדיקן ניגון,
דעם פּשוטן געזאַנג:

Эх, яблочко, куда котишься.

אפֿשר וועט איר דורך דעם זיסן פֿאַרגעניגן
פֿאַרשטיין דעם גרויסן דראַנג . . .
קומט און זעט,
און הערט,
יעדער פֿרייער דענקער
האָט דאָ טויזנטער באַווייזן:
ס'גייט אַ דור פֿון שטאָל און אייזן!
איין מאָל, איין מאָל איז באַשערט
אַזאַ תּקופֿה בייזיין!

1930

(פראַגמענט)

אָט איז דאָס דערפל האָדיכע:
זאַמדיקע פעלדער,
זומפּיקע באַגנעס,
און וועלדלעך און וועלדער,
און ביי דעם ברעג פון דעם טעטער
לאַנקעס און רעשטן פון אוראַלטן וואַלד;
זיי הייסן דאָ „סאַגעס".
פאַרוואָס עפּעס „סאַגעס"?
ניט וועגן דעם וויל איך איצטער דערציילן.

:: : ::

ניט דאָס, וואָס עס שפּינט זיך אין מעשות,
איצט וועקט מיין זיכרון,
און שטעלט פאַר מיר פראַגעס . . .
איך זע איצט די מענטשן,
וואָס האָבן געהערשט דאָרט,
וואָס זיינען באַהערשט דאָרט געוואָרן:
איינע שוין זיינען פאַרשוואונדן
(שאָטנס געבליבן פון ווילדע געשטאַלטן).
איינע נאָך לעבן און ווירקן
אין אונדזערע שטעט און אין אונדזערע דערפער,
אין אונדזערע ראַטן־אַנשטאַלטן,
אין אונדזערע בייע קאָלווירטן . . .
נאָר מערער פון אַלץ וויל זיך מעלדן
פון זייערע קינדער,
פון אונדזערע העלדן,
וואָס טראָגן די לאַסטן
אין ברייטן, אין טיפן,
וואָס קלעטערן דרייסט
אויף די מאַסטן
פון אונדזערע שיפן,
וואָס בויען מיט לייב און לעבן
דאָס נייע, דאָס מוטיקע לעבן, —
נאָך האָב איך שטיל פאַרבאַהאַלטן

אין קנייטשן, אין פאַלדן
פון קינדערשן מוח
אָרעמע גרויע געשטאַלטן
פון עטלעכע אונדזערע שכנים —
פויערים אָרעמע, שטומע.
שטומט אויף אוקראַיניש,
אויף דייטש און אויף פויליש,
פונקט אַזוי שטום ווי מיין יידיש,
מיין, מ׳שטיינס געזאָגט, לשון־הקודש . . .

פויערים שכנים,
עלנטע ברידער!
כ׳האָב וועגן אייך אויף די קיעווער הויכן
עפּעס געמאָלדן
אין עטלעכע טרויעריקע לידער.

זומער־טעג לאַנגע,
ווינטער־נעכט שווערע,
גרויע פאַרהאָרוועטע וואָכן!
— — — — — — — — —
ווידער איז זומער.
זומער פון טויזנט ניין הונדערט און דרייסיק,
זומער — אַן איבערייס אויף אַ פּאָר וואָכן
אין שווערן, אין דאָרפישן זייען און שניידן.
און טויזנטער קינדערשע טריט
שטעמפּלען די שטאָטישע ווייכע אַספאַלטן,
און טויזנטער בליקן שטעכן מיט נייגער
די שטאָטישע, ברייטע וויטרינעס.
קינדער און קינדער און קינדער . . .
אַלע דערצויגן אין אונדזערע שולן,
פון דאָרפישער ענגשאַפט שוין אַלע באַפרייט.
איצט אַן עקסקורסיע געקומען
אַ קוק טאָן אויף קיעוו.
לאָמיר אינאיינעם מיט זיי אַ שפּאַציר טאָן
איבער קיעווער גאַסן.

1932

פרילינג

פונוואַנען קומט ער אָן,
דער פרילינגדיקער אָטעם?

ס'איז איצטער ווינציק מיר
דער צו גענויער וויסן,
אַז ס'האָט די ערד
זיך צו דער זון
אַביסל
נאָענטער,
נאָענטער געקערט.

איך וויים נאָך ניט קיין מאָס,
פאַר מיין באַגייטער שפּירונג,
איך וויים נאָך ניט קיין וואָג
פאַר שטראַלנדיקער צירונג,
וואָס
איך
פאַרמאָג,
וואָס הענגט אַרום די ווענט
פון מיין געביין,
נאָר איינס איז קלאָר:
פון אַלע מיינע טונקעלע לאַסטן
בין איך ריין.

נאָר איינס איז קלאָר:
איך בין אָנהייב ערשט
פון מיין דערפילונג.
ס'איז אָנהייב יאָר,
ס'איז פרילינג!

***

ס׳דאַכט זיך,
איינמאָל טרעפט אין לעבן
אַזאַ שיינער טאָג — אַזאַ מין!
ס׳דאַכט זיך,
אַלע גוטע טעג צוזאַמען
האָבן זיך צונויפגעקליבן.
און דעם גוטן טאָג דעם שיינעם
אויסגעקליבן פאַר אַ פירער.
ס׳דאַכט זיך,
גאָר די וועלט האָט זיך פאַראייניקט
גלייך מיט מיר דעם טאָג צו שפּירן . . .

פשוט, איינפאַך, פראָסט, געוויינלעך

פרילינג, פרילינג.
אויף קאַשטאַנען פרישע בליאונג,
יעדער צווייג מיט ליכט געצירט
קוקט דאָרט אויבן,
קוקט דאָרט אונטער
אויף דעם אַל, אויף דעם באַזונדער,
אויף דעם כלל און אויף די פרטים;
אַלץ איז איינפאַך,
אָן חידושים און אָן וואונדער,
פראָסט און פשוט און געוויינלעך,
ווי די לופט און ווי דער אָטעם!

פרילינג, פרילינג:
אויף קאַשטאַנען פרישע בליאונג.
יעדער צווייג מיט ליכט באַצירט.
איך בין היינט פילפאַכיק מונטער,
ווייל איך ווייס, ווי אָט דער איינפאַך,
ווייל איך ווייס, ווי אָט דער געוויינלעך,
און דער אַל און דער באַזונדער
היט אויף יעדן טריט אַ וואונדער,
און אַ יעדער פרישע ליכט,
ווי אַ נס איז קאָמפליצירט.

איך בין היינט פילפאַכיק מונטער,
ווייל מיין ברייט צעצווייגטער וויסן,
ווייל מיין טיפע הויכע שפּירונג
ניט פאַר מיר, פאַר מיר אַליין נאָר
איז אַ טייער, טייער צירונג
נאָר אָן אויפהער האַלט אין פליסן
אָט דער ברייט־צעצווייגטער וויסן
אין מיין אַרבעט־לאַנד דעם גרויסן
אויף פאַר הונדערט־טויזנט־טויזנט,
און מיין יעדער פרישער ריר
אומעטום און דאָ און דאָרטן.
פריער, שפּעטער, איצטער, מאָרגן,
ווערט פילאָטעמדיק דערשפּירט . . .

1932

פון עראָפּלאַן

דיר, ים, מיין לויב. ים, מיין ליבע אַלהערשט!
דערפאַר, וואָס ס׳האָט דער מענטש ביז איצט דיך ניט באַהערשט.
און צווייטנס, דיר מיין לויב, דו גרויסער, גרויסער ים,
דערפאַר, וואָס לאַכסט נאָך פון אַ גרענעץ — פון אַ דאַם.

און, דריטנס, לויב איך דיך, לויב איך דיך אַצינד,
דערפאַר, וואָס ביסט אַזוי באַפריינדעט מיטן ווינט.

און וויפל ס׳האָט דער מענטש מיט אים זיך ניט געשפּילט,
געוואָלט צעשיידן איך, צעקריגן אַלץ געצילט,

דאָך זיינט אירביידע געבליבן ניט צעשיידט,
און אייער בונד, ווי פריער, פּחד אויף אים שפּרייט.

און אייער שפּיל אין צווייען וואַרפט אויף אים אַ שרעק,
און טרייבט אים ווידער צו זיין אָנמאַכט און צו ברעג.

נאָר, פערטנס, וויל איך, ים, דיר איינרוימען אַ סוד,
איך שיק מיין לויב דיר פון גרויסער, גרויסער שטאָט,

איך שיק פון וואָלקן־הויך, וואוהין איך האָב דערלאַנגט,
און איבער דיר און העכער דיר אַצינדער גייט מיין דראַנג.

און איבער דיר און העכער דיר אַצינדער גייט מיין שיף,
און ווי אַ מעווע זעצט זיך רוען אויף דיין ברויז און טיף.

1932

אָקעאַן

דיינע גרויסע טיילן עטלעכע,
אָקעאַן!
האָב איך שוין געזען.
און דיין גרויסקייט,
אָקעאַן,
(לאָמיר זאָגן איצט: דיין „געטלעכע")
האָב איך שוין געזען!

כ'וויס דיין שיינקייט און דיין פּראַכט
און דיין שרעקנדיקע
און דיין וועקנדיקע מאַכט.
כ'האָב געזען דיך אינדערפרי,
כ'האָב געזען אויף דיר דעם זונען־גלי,
כ'האָב געזען דיך אין דער טיף פון נאַכט...
אויף דער פלאַך פון האַרטער ערד
האָב איך פיל
פאַרפירערישע שטילקייט שוין געהערט,
נאָר די שטילקייט פון דער שטיל
אויף דיין שויס און אין דיין „שטיל"
האָט מיך ערשט פאַרהילט.
אויף דער פלאַך פון האַרטער ערד
האָב איך רוישן פיל געהערט.
כ'האָב געהערט דעם וואַסער־פאַל,
כ'האָב געהערט דעם דונער־קנאַל,
נאָר דיין רויש, אָ, גרויסער ים,
אויף דיין לענג און אויף דיין ברייט,
אויף דיין ברייט און אויף דיין לענג
האָט פון רעש דעם וואונדערלעכן טעם
מיר מיט פרייד געשענקט...

1932

פרילינג

פון גרויסע קרעפטן דער טויש,
ער האָט איין שטילן נאָמען,
פון פרישע טראָפּנס דער רויש,
דער רויש פון ערשטע שטראָמען.

פון ערשטן דונער דער קויק,
די שיין פון ערשטע בליצן,
דער בליק פון יונגן אויג,
די ערשטע ליבע־קריצן —

אויף אַלעם דעם איין וואָרט
מיר זאָגן: פרילינג, פרילינג!
פון אָנזאָג דער אַקאָרד,
פון אָנזאָג און דערפילונג.

אויף אַלעם דעם איין וואָרט —
פון צוויי נאָר שטילע זילבן,
אויף אַלעם דעם איין וואָרט
פון מענטשן־קלאַנגען זיבן.

❧

מיין קיילעכיקע הים,
מיין שוואַרצע ערד!
מיט אייזיק־קאַלטן קאָפּ,
מיט אייזיק־קאַלטע פיס,
מיט הייסן גאַרטל אויף די לענדן!

וואוהין איך זאָל מיין בליק ניט ווענדן —
אין יעדן דיינעם קנייטש,
אין יעדן דיינעם ווינקל, —
האָט שוין געטאָן אַ פינקל
דאָס אויג פון מיין אַ ברודער.
מיט יעדערן פון זיי געווען בין איך,
געהערט האָט מיין גערודער
יעדער טורעם דיינער,
יעדערע פון דיינע היילן.
ביסט מיינע, ערד, ביסט מיינע.
און איך, איך וועל דיך טיילן!